בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קי"ח

יו"ל: י"ב ניסן ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

"...אוּן זַיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיבֶּעֶנְקְט"

צוגרייטן פון פריער

דאס חשיבות פון אַן 'איש כשר'

"ליקוטי הלכות" - א 'נשיקין' מיט רבי נתן'ען!

ער פארגינט אונז 'כמוני ממש'

מען קען מקרב זיין אידן צום אויבערשטן!

"מָשִׁיחַ יִגְזוֹר אֹמֵר וְיָקוּם, אֲבָל אֲנִי..."

אריינגעלייגט אין חרם

"המאור שבה מחזירן למוטב"

עס גייט א ברענעדיגער זומער

קיין רגע אָן תפילה

ספירה - א יסוד פון אידישקייט!

אז דער דאווענען גייט עפעס נישט...

"דיפעט אויף מיין כח!"

פרנסה, א טפל שבטפלים!

"לחיים, מיר זאלן תשובה טוהן!"

פארמאכט דעם קלייט, און גערעדט פון רבי'ן

איין הרהור ווינציגער

ביי ווען איך נעם - גיב איך!

רבי נתן האט זיך צעוויינט

"און איך הייל זי"

"סוֹד מַעֲשֶׂה זוֹ נֶעְלָם מִכָּל הָעוֹלָמוֹת!"

ווער זענען די שלענג?


ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה''ק: 02.560.7387
ארה''ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #118


מכון טעם זקנים שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

בס"ד

# אסרו חג פסח

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 163#)

## "...און זיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיבֶּענְקְט"

(שיעור בסיפורי מעשיות מעשה י"ג - יום השישי)

דארט[א] פלעגט מען ליינען די מעשה פון דעם זעקסטן טאג: "דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְּרֵילִיךְ גִיוֶוען אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיבֶּענְקְט: 'וִוי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם דָאזִיגְן וָואס אָן הֶענְט'. דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט: 'אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה'".

דער בעטלער איז דאך געווען פריער אויך, מען האט דאך דארטן געמאכט א גרוב וואס דארט זענען געקומען אלע בעטלערס אויף דער חתונה, איז ער דאך געווען פריער אויך; אבער דער רבי זאגט: "דערווייל קומט ער אריין". נאר וואס דען, ער האט זיך נישט ארויסגעוויזן אז ער איז דא סיידן אז זיי האבן אנגעהויבן בענקען 'ווי נעמט מען דא דעם בעטלער', (ערשט דעמאלט) האט יעדער בעטלער זיי עפעס געגעבן - דער רבי רעכנט דאך אוים די מתנות וואס יעדער האט זיי געגעבן.

---

[א] כנראה כוונתו שבאומן היו לומדים מעשה זה בשביעי של פסח, ואפשר ע"פ ליקוטי הלכות הל' תולעים ה"ד שמקשרו מוהרנ"ת לענין קריעת ים סוף עיי"ש וכדלהלן.

פון דאנעט איז א געוואלדיגע ראיה, מען קען זיין לעבן צדיק און מען פילט גארנישט אז ער איז דא[ב]. דער צדיק ווייזט זיך נישט ארויס און ער ווערט נישט נתגלה פאר אים סיידן אז מען בענקט; מען בענקט און מען וויינט: 'ווי נעמט מען? ווי נעמט מען?' דעמאלט אז ער זעהט דאס, זאגט ער - 'איך בין דא!' ער איז דאך פריער אויך געווען, עס איז דאך געווען א גרוב פון הונדערט מענטשן, אלע זענען דאך געווען פריער אויך, געטאנצט, געווען פרייליך, א חתונה.

דאס איז א מוסר השכל, אז מען וויל זיין נענטער צו דעם רבי'נס זאך, איז דאס ווערליג מען בענקט. אזוי איז אויך מיט יעדער דבר שבקדושה - דאס דאווענען, אז ער וויל אביסל דאווענען, אריינגיין אין די ווערטער פונעם דאווענען, דארף ער פריער בענקען דערצו, בעטן פריער.

פון אר"י הקדוש שטייט[ג], רבי נתן רעדט עס אין די הלכות כמה פעמים[ד], פון חצות הויבט זיך שוין אָן די הארה פון דאווענען, די הארה פון תפילין הויבט שוין אָן שיינען פון חצות. צדיקים אז זיי זענען אויפגעשטאנען חצות האבן זיי זיך שוין נישט צוגעלייגט, זיי האבן שוין געמאכט די הכנה, די גאנצע עבודה פון דער גאנצער נאכט איז געווען א הכנה צום דאווענען אז מען זאל קענען דאווענען.

אפילו מיר האלטן נאכנישט אזוי גרויס, אבער על כל פנים, אויף א דבר שבקדושה דארף מען בענקען - אויף א תפילין לייגן, אויף א דאווענען - וואס עס טוהט זיך איבער אין א דאווענען - א שמונה עשרה, א ברכת קריאת שמע, פסוקי דזמרה - א געוואלד, א געוואלד! ווי קען מען עפעס משער זיין וואס הייסט א דאווענען?! יעדער איינער אז ער בענקט אביסל, ער וויל אביסל, ווייזט זיך אים דער אויבערשטער ארויס, דאוונט ער בעסער, דאוונט ער שענער.

❖

---

[ב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז; ובסי' קצ"א.

[ג] פרי עץ חיים תפילין פ"ז.

[ד] עיין הל' תפילין ה"ג; ה"ד, אות ב'; ה"ה, י"ט; ה"ו, ו'; ה"ז, ב', ועוד.

## צוגרייטן פון פריער

דער אר"י הקדוש ברענגט[ה]: ה'ודו ל'ה' ק'ראו ב'שמו איז ר"ת 'בקהל'. דאס איז א מוסר השכל, מען קומט דארט אין די ישיבות, מען כאפט זיך אריין, דער קומט אָן ביי 'ויברך דוד', דער קומט אָן ביי 'דאס' - ביים אנהויב אָן דארף שוין זיין א קול פון תפילה, ביי 'הודו לה' קראו בשמו' דארפן אלע זאגן מיט א קול, דאס איז דאך דער שלימות - דער אנהויב פון תפילה; 'בקהל' - עס דארף זיין מיט א קהל! [די ספרדים הויבן דאך אָן פריער פון 'הודו', און די אשכנזים הויבן דאך אָן פון 'מזמור שיר חנוכת', דער אר"י הקדוש איז דאך געווען א ספרדי, ברענגט ער אז דאס איז ר"ת 'בקהל'].

אזוי איז מיט יעדער דבר שבקדושה, דער רבי ברענגט דאס אויך[ו], וואס דער מענטש האט מער (רצונות, האט ער מער פון) יעדע זאך; 'דער' דאוונט און 'דער' דאוונט, 'דער' לערנט און 'דער' טוהט א מצוה - וואס דער מענטש בענקט מער דערצו, ער בעט מערער, גייט ער אריין מערער אין דער זאך און ער איז נענטער צו דער זאך, דער אויבערשטער האט פון אים מער נחת רוח אויך.

א מענטש אליין אז ער וויל עסן - גרייט ער צו פריער, איז ער פאמיליע - גרייט מען צו אין שטוב פריער; ער וויל פרישטאג - איז דער פרישטאג צוגעגרייט פריער - מען טראכט שוין פון איין טאג אויפן צווייטן. און אזוי אויך מיטאג. דער שטייגער איז, א גשמיות'דיגע זאך האט א הכנה פריער. א מענטש וועט זיך נישט פארלאזן, 'ווען עס וועט קומען פרישטאג דעמאלט וועל איך נעמען', נאר מען ברענגט פון

---

[ה] עי' ספר "פאר מלכות": "כתב הגאון יחיא צאלח זלה"ה בספר "עץ חיים" (ראב"ד בכל גלילות ארץ תימן) בשם מהר"י צאיח, וז"ל: הוד"ו בגימ' אהי"ה, **ה'ודו ל'ה' ק'ראו ב'שמו - ר"ת בקה"ל**, חייבים אנו להזכיר שמו בקדיש וברכו ובכל מיני קדושות עכ"ל. כלומר שכל אלו הדברים צריכים להיות בקהל דהיינו במנין עשרה אנשים גדולים", עיי"ש.

[ו] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א: "**עִקַּר הִתְהַוּוּת הַנֶּפֶשׁ הוּא עַל־יְדֵי הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין וְהָרְצוֹנוֹת הַטּוֹבִים שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי אַחַר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כָּל אֶחָד לְפִי מַדְרֵגָתוֹ שֶׁהוּא נִכְסָף וּמִשְׁתּוֹקֵק וּמִתְגַּעְגֵּעַ לְהַגִּיעַ אֶל מַדְרֵגָה לְמַעְלָה מִמֶּנָּה, עַל־יְדֵי הַכִּסּוּפִין אֵלּוּ נַעֲשֶׂה נֶפֶשׁ קְדוֹשָׁה**". (ע"פ ליקוטי עצות)

פריער, ער גרייט צו געלט פריער, ער גרייט צו די זאכן פריער. פארוואס? ווייל דער גוף מאָנט באלד, ער לאזט נישט אפ, ער שווייגט נישט, גרייט מען צו פריער; דארף ביי די נשמה אויך אזוי זיין.

דער רבי זאגט אין תורה ס"ה', ווען דאס קול גייט ארויס (ביים דאווענען), בעט זיך דער דיבור ביים מענטשן, 'דו ווייסט דאך מיין טייערקייט, ווי קענסטו אוועקגיין פון מיר?!' - עס איז דאך א געוואלד וואס א דיבור איז! מען קען זיך נישט משער זיין דאס גרויסקייט פון א דיבור צום אויבערשטן!

## דאס חשיבות פון אַן 'איש כשר'

וואס דער מענטש בענקט מער און גלוסט מער און בעט מערער, האט ער מער די זאך, און כאטש עס דאכט זיך אזביידע זענען גלייך, אבער זיי זענען נישט גלייך. וואס איז דער חילוק פון אַן 'איש כשר' ביז נישט קיין איש כשר? אַן איש כשר האט אַן אנדערע תורה? ער האט אַן אנדערע תפילה? ער האט אנדערע תפילין? ניין![ח]; 'דער' האט תפילין גסות מיט גאנצענע הידורים מיט אלעס, און דער 'איש כשר' האט אויך די אייגענע תפילין, ער לייגט נישט צו קיין ווארט ביים דאווענען און ער נעמט נישט אראפ קיין ווארט. איז פארוואס איז ער אַן איש כשר? ווייל ער, יעדע זאך איז מיט א ישוב הדעת, מיט תפילות! ביי אים איז עס נישט קיין "מִצְוַת אֲנָשִׁים

[ז] אות ב': "הַדִּבּוּר מְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן מֵהַנֶּפֶשׁ, לְבַל תִּפָּרֵד מִמֶּנּוּ. וְתֵכֶף כְּשֶׁיּוֹצֵא אוֹת רִאשׁוֹנָה, כְּגוֹן אוֹת בֵּי"ת מִתֵּבַת בָּרוּךְ, אֲזַי מְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן מֵהַנֶּפֶשׁ לְבַל תִּפָּרֵד מִמֶּנּוּ. כִּי **אֵיךְ תּוּכַל לְהִתְפָּרֵד מִמֶּנִּי, לְגֹדֶל הַהִתְקַשְּׁרוּת וְהָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּינֵינוּ? כִּי אַתָּה רוֹאֶה אֶת יְקַר יָפְיִי וְזִיוִי וַהֲדָרִי וְתִפְאַרְתִּי, וְאֵיךְ תּוּכַל לְנַתֵּק עַצְמְךָ מִמֶּנִּי וְלִפְרֹד מֵאִתִּי?** הֵן אֱמֶת, שֶׁאַתָּה צָרִיךְ לֵילֵךְ יוֹתֵר, כְּדֵי לְלַקֵּט עוֹד סְגֻלּוֹת יְקָרוֹת וַחֲמוּדוֹת גְּדוֹלוֹת, **אֲבָל אֵיךְ תּוּכַל לִפְרֹד מִמֶּנִּי וְלִשְׁכֹּחַ אוֹתִי?!** עַל כָּל פָּנִים תִּרְאֶה שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁתֵּלֵךְ וְתָבוֹא לְשָׁם לֹא תִשְׁכַּח אוֹתִי, וְלֹא תִּפָּרֵד מִמֶּנִּי. מִכָּל שֶׁכֵּן כְּשֶׁגּוֹמֵר תֵּבָה אַחַת, אֲזַי כָּל הַתֵּבָה מְבַקֶּשֶׁת כָּל הַנַּ"ל. וּמְלַפֶּפֶת וּמְחַבֶּקֶת אוֹתוֹ, וְאֵינָהּ מַנַּחַת אוֹתוֹ לֵילֵךְ מֵאִתָּהּ כַּנַּ"ל" וכו' עיין שם.

[ח] עיין שיחות הר"ן י"ד: "**אֲנִי מְקַנֵּא מְאֹד אִישׁ כָּשֵׁר** (שֶׁקּוֹרִין עֶרְלִיכֶר יְהוּדִי), **כִּי נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ בֶּן אָדָם עִם דָּקִין וְכַרְכָּשׁוֹת וְאֵבָרִים כִּשְׁאָר כָּל הָעוֹלָם וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּאֱמֶת הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, כִּי אִישׁ כָּשֵׁר יָקָר מְאֹד אַשְׁרֵי לוֹ. וְהָעִקָּר הוּא הָרָצוֹן וְהַכִּסּוּפִין**". עיין גם ליקוטי מוהר"ן תניינא קט"ז.

מְלֻמָּדָה"[ט] וואס אז דער קאפ גיט זיך א בויג ביי מודים, בויגט זיך דאס שוין אליין, עס קלאפט זיך (ביי סלח לנו) שוין אליין אז ער דארף שוין גאר נישט נעמען דער האנט ווייל ער איז שוין אזוי מורגל...

דער אויבערשטער זאגט: "בְּפִיו וּבִשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי" - מיטן מויל גיט ער מיר אפ כבוד, אבער "וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי" - דאס הארץ איז ווייט. דער אויבערשטער וויל, 'גיב מיר אפ כבוד מיטן הארץ אויך!' - נישט נאר מיטן מויל גיב מיר אפ כבוד; נאר מיטן מויל גיסטו מיר אפ כבוד און דאס הארץ טראכט גאר עפעס אנדערש?!

עס איז דאך א געוואלדיגע זאך, דער מלך מלכי המלכים וואס אָן אים קען איך נישט דעכען (- אטעמען), א רגע חיות האב איך נישט אָן אים, חלילה אז עס זאל נפסק ווערן דאס חיות פאר איין רגע, גייט דאך דער מענטש אויס, און אזוי אויך די רְאיה קען נישט זיין קיין ראיה אָן דעם אויבערשטן, און אזוי אלעס - (און ער פאדערט פון אונז:) 'גיב מיר אפ כבוד מיטן הארצן אויך! וויפיל דו רעדסט מיטן מויל - טראכט מיטן הארץ! ליג אין די ווערטער!' דער אויבערשטער זאגט: "בשפתיו כבדוני, ולבו רחק ממני"; 'וואספארא כבוד גיסטו מיר אפ? מיטן מויל זאגסטו און מיטן הארץ טראכסטו עפעס אנדערש גאר...'

זעהען מיר אלץ דערפון, ביי יעדע זאך וואס מען טוהט א נחת רוח פארן אויבערשטן, זאל עס דער מענטש טוהן בלב ונפש, נישט נאר מיטן מויל אליין, אט דאס איז אַן איש כשר![י] אַן איש כשר איז נישט נאר מיטן מויל, נאר ער טוהט זיך

---

[ט] לשון הפסוק בישעיה יט, יג: "וַיֹּאמֶר ה' יַעַן כִּי נִגַּשׁ הָעָם הַזֶּה **בְּפִיו וּבִשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי** וַתְּהִי יִרְאָתָם אֹתִי **מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה**. לָכֵן הִנְנִי יוֹסִף לְהַפְלִיא אֶת הָעָם הַזֶּה הַפְלֵא וָפֶלֶא וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו וּבִינַת נְבֹנָיו תִּסְתַּתָּר".

[י] עיין חיי מוהר"ן תקנ"ד: "חָכְמוֹת אֵינָם כְּלוּם, **וְהָעִקָּר רַק הַלֵּב** וְהָעֲשִׂיָּה שֶׁל הָאֵיבָרִים, שֶׁלִּבּוֹ יִשְׁתּוֹקֵק וְיִכְסֹף תָּמִיד לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְיִהְיֶה מִתְגַּעְגֵּעַ תָּמִיד מָתַי יָבוֹא לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי. וְהוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד וְיִתְפַּלֵּל עַל זֶה תָּמִיד בִּפְרָט בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁרְגִילִין לְדַבֵּר בּוֹ כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר, וְיַתְמִיד הַרְבֵּה יָמִים וְשָׁנִים בְּהַגַּעְגּוּעִים וְהַכִּסּוּפִין וְהַתְּפִלּוֹת שֶׁיְּקָרְבוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לַעֲבוֹדָתוֹ. וְיַעֲשֶׂה עֲשִׂיּוֹת וַעֲבוֹדוֹת כָּל מַה שֶּׁיּוּכַל, וְעַל יְדֵי זֶה יִתְקָרֵב בְּוַדַּאי לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ".

אינגאנצן אריין פארן אויבערשטן. (אזוי ווי א מענטש) אז ער עסט - עסט דער גאנצער גוף, (אזוי אויך, דער איש כשר -) נישט נאר דאס מויל רעדט צום אויבערשטן, נאר דער גאנצער גוף רעדט צום אויבערשטן, דער גאנצער גוף דאוונט, דער גאנצער גוף לערנט.

דערציילט דער רבי דא, דער זוג הקדוש (חתן כלה) האט געבענקט - 'ווי נעמט מען דא דעם בעטלער וואס ער האט אונז מחיה געווען?!'. עס איז שוין אוועקגעגאנגען יארן, זיי זענען געווען קליינע קינדערלעך, זיי האבן שוין חתונה געהאט, האבן זיי געדענקט אז צוריק מיט יארן האט מען זיי מחיה געווען, (האבן זיי געבענקט:) 'ווי נעמט מען דא דעם בעטלער?!' דאס איז דאך אוודאי א הייליגע חתן כלה, אין דעם טאג פון דער חתונה האבן זיי נאר אינזינען אזעלכע הייליגע געדאנקען, זיי האבן נישט אינזינען קיין אנדערע געדאנקען נאר 'ווי נעמט מען דא דעם בעטלער וואס ער האט אונז געגעבן' - דער האט געגעבן די אויגן, דער האט געגעבן דאס מויל, דער האט געגעבן די אויערן - יעדער האט דאך געשענקט מתנות - אלע בעטלערס.

'קומט ער אריין' - ער ווייזט זיך ארויס: 'איך בין דא נעבן אייך!' נאר איידער איר האט געבענקט האב איך מיר גארנישט ארויסגעוויזן צו אייך, אז איר האט אנגעהויבן בענקען צו מיר, ווייז איך מיר ארויס - 'אט בין איך דא'.

❖

## "ליקוטי הלכות" - א 'נשיקין' מיט רבי נתן'ען!

"אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גְיָזאגְט אַזוֹי וְוי יֶענֶע, אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גְיפַּאלְין אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט". דער רבי זאגט: "ער האט זיי געקושט". דער רבי רעדט אין תורה י"ב, עס איז דא א 'בחינת נשיקין'[יא]. אז מען טוהט עפעס א מצוה, מען לערנט א

[יא] וזל"ש אות א': וּכְשֶׁהָאָדָם לוֹמֵד בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה אֵיזֶה דִּין וּפְסָק, שֶׁחִדֵּשׁ אֵיזֶה תַּנָּא אוֹ צַדִּיק אַחֵר, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת נְשִׁיקִין. וּנְשִׁיקִין זֶה בְּחִינַת הִתְדַּבְּקוּת רוּחָא בְּרוּחָא ... נִמְצָא, עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִים

**דיבור פון א תנא, מען לערנט א דיבור פונעם רבי'ן, ווערט א בחינת נשיקין, עס ווערט נתדבק דער מויל וואס לערנט איצטער - מיט דעם מויל וואס האט דעמאלט ארויסגעגעבן דעם חידוש, עס איז זיך מתדבק די שפתיים,ביידע קומען זיך צונויף, דאס איז א בחינת נשיקין.**

**קומט אויס, מען איז זיך מנשק מיטן תנא, מען איז זיך מנשק מיט דעם צדיק, מען איז זיך מנשק מיטן רבי'ן, מען איז זיך מנשק מיט רבי נתן'ען, דאס איז א בחינת נשיקין. זאגט דער רבי דארטן, דארף מען זעהן מען זאל לערנען בקדושה ובטהרה אז יענער זאל זיך ווען מיט מיר קושן, ווייל ווער וויל זיך קושן מיט א שונא? "נעתרות נשיקות שונא"! כל שכן אז ער לערנט אָן 'דעת' וואס 'נבילה טובה הימנו' - ווער וויל זיך קושן מיט א נבילה?! זאגט דער רבי, נאר האבן די אמונה![יב]**

**און דאס איז אלץ דורך ישוב הדעת; אז מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים, אזוי קען אריינגיין די דיבורים! איך זאל וויסן - 'אז איך לערן ליקוטי מוהר"ן, דאס איז א בחינת נשיקין מיטן צדיק'! אז איך זאג ליקוטי תפילות, ליקוטי הלכות, איז דאס נשיקין מיט רבי נתן'ען! איך לערן א משנה אין משניות, דאס איז נשיקין מיטן תנא! האבן די אמונה - אזוי איז עס, דאס איז נשיקין! און זיי ווילן ארויסגיין פון אַן איש כשר!**

---

אֶת הַחִדּוּשׁ הַזֶּה, וּכְשֶׁמַּכְנִיסִין הַלִּמּוּד וְהַחִדּוּשׁ בְּתוֹךְ פֶּה, נִמְצָא שֶׁמְּדַבְּקִין רוּחַ הַצַּדִּיק שֶׁחִדֵּשׁ זֶה הַחִדּוּשׁ עִם רוּחַ מְמַלְּלָא, הַיְנוּ עִם הַדִּבּוּר הַלּוֹמֵד זֶה הַחִדּוּשׁ עַכְשָׁו. וְזֹאת הַהִתְדַּבְּקוּת רוּחָא בְּרוּחָא נִקְרָא נְשִׁיקִין. נִמְצָא, כְּשֶׁלּוֹמְדִין אֵיזֶה הֲלָכָה שֶׁחִדְּשׁוּ הַתַּנָּאִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְדַּבֵּק רוּחַ הַתַּנָּא עִם רוּחַ הַלּוֹמֵד, וְדוֹמֶה כְּאִלּוּ נוֹשֵׁק אֶת עַצְמוֹ עִם הַתַּנָּא. אֲבָל תַּלְמִיד חָכָם שֵׁד יְהוּדִי, כְּשֶׁלּוֹמֵד גְּמָרָא אוֹ פְּסַק דִּין, עָלָיו כָּתוּב (מִשְׁלֵי כ"ז): "**נֶעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא**", כִּי הַתַּנָּא אֵינוֹ יָכוֹל לִסְבֹּל רוּחוֹ שֶׁל תַּלְמִיד חָכָם שֵׁד יְהוּדָאִין, **כִּי מִי יָכוֹל לִסְבֹּל לְנַשֵּׁק אֶת עַצְמוֹ עִם נְבֵלָה**, כָּל שֶׁכֵּן שֶׁנְּבֵלָה טוֹבָה הֵימֶנּוּ. וַאֲפִלּוּ צַדִּיקִים שֶׁכְּבָר הָלְכוּ לְעוֹלָמָם, וּכְשֶׁאָנוּ לוֹמְדִין תּוֹרוֹתֵיהֶן, עַל יְדֵי זֶה נִתְדַּבֵּק רוּחָם בְּרוּחֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְבָמוֹת צז): 'שִׂפְתוֹתֵיהֶם דּוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר', וְזֶה עַל יְדֵי בְּחִינַת נְשִׁיקָה".

[יב] עיין שם אות ג': "**וְעַל זֶה צָרִיךְ הַלַּמְדָן לֵידַע קֹדֶם לִמּוּדוֹ, שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁיּוֹשֵׁב לִלְמֹד, הַצַּדִּיק שֶׁבְּגַן עֵדֶן צַיֵּת לְקָלֵהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שִׁיר הַשִּׁירִים ח): "**הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ**" (וְכַמּוּבָא בַּזֹּהַר לֶךְ לְךָ צב.)".

זאגט דער רבי דארטן וואספארא צער גדול דער תנא האט דערפון אז עס נעמט אריין זיינע דיבורים אזא איינער - - עס איז דא נעבעך לומדים, כופרים, וואס לערנען אזוי ווי עס איז א חכמה ווי אנדערע חכמות, דאס איז דאך א געוואלדיגער צער גדול פארן תנא. דער רבי זאגט[יג], דאס איז שכינתא בגלותא; ווייל די תורה שבעל פה וואס ווערט אנגערופן 'שכינתא', וואס דאס איז 'מלכות', און 'מלכות - תורה שבעל פה קרינן לה', אז עס פאלט אריין אין אזא מויל איז זי אין גלות, האט זי צער דערפון.

זאגט דער רבי דארטן: "צדיקים ירשו ארץ"; טייטשט דער רבי: "צדיקים" - 'צדיק עליון' 'וצדיק תחתון'. "ירשו ארץ"; ארץ מיינט מען שכינתא, וואס דאס איז תורה שבעל פה. זאגט דער רבי, צוויי צדיקים, ביידע ירשנ'ען דעם 'ארץ'. א ירושה הייסט וואס עס גייט מדור לדור. די תורה ווערט אנגערופן א ירושה, (כמו שכתוב:) "תורה ציוה לנו משה מורשה"[יד]; די תורה גייט מדור לדור, דער אויבערשטער האט געגעבן א תורה וואס ווערט נישט אפגעאקט, די תורה גייט ווייטער, קינדער, אייניקלעך, אור אייניקלעך, די תורה גייט בירושה. זאגט דער רבי, "צדיקים ירשו ארץ" - צוויי צדיקים, זיי ביידע ירשנ'ען דער תורה שבעל פה, סיי דער 'צדיק עליון' - דער וואס האט מחדש געווען דער תורה, און סיי דער 'צדיק תחתון' - דער וואס לערנט דער תורה; די תורה שבעל פה איז אינדערמיט, צווישן זיי ביידע.

אז דער צדיק איז דא צווישן זיי, א געוואלדיגער נחת רוח האט ער! און ווער שמועסט אז א מענטש לערנט לעובדא ולמעשה און ער מאכט טאקע באלד

---

[יג] שם אות א': "כִּי שְׁכִינְתָּא בֵּין תְּרֵין צַדִּיקַיָּא יָתְבָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (וַיֵּצֵא קנג., וַיְחִי רמה:): **צַדִּיקִים יִרְשׁוּ אָרֶץ, צַדִּיקִים - תְּרֵי מַשְׁמַע.** וּשְׁנֵי צַדִּיקִים אֵלּוּ הֵם: זֶה הַצַּדִּיק שֶׁחִדֵּשׁ זֹאת הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, זֶה צַדִּיק עֶלְיוֹן; וְצַדִּיק הַתַּחְתּוֹן, זֶה שֶׁלּוֹמֵד הַחִדּוּשִׁין; וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה הַיְנוּ שְׁכִינְתָּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּפַתַּח אֵלִיָּהוּ): 'מַלְכוּת פֶּה, וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה קָרִינַן לָהּ'. וּכְשֶׁהַשְּׁכִינָה הַנִּקְרָא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה בָּאָה בְּתוֹךְ תַּלְמִיד חָכָם שֵׁד יְהוּדִי, זֶה נִקְרָא גָּלוּת הַשְּׁכִינָה, וְאָז יֵשׁ לוֹ פֶּה לְדַבֵּר עַל צַדִּיק עָתָק וְכוּ'".

[יד] דברים לג, ד.

תפילות, ער בעט דעם אויבערשטן ער זאל מקיים זיין וואס ער לערנט, דאס איז א געוואלדיגער נחת רוח!

❖

## ער פארגינט אונז 'כמוני ממש'

אז מען גיט עפעס דעם צדיק, גיט ער אפ, ער שענקט באלד גוטע מתנות קריק. מתנות איז דען נאר געלט? דער בלינדער בעטלער האט זיי געשענקט - 'איר וועט זיין אזוי ווי איך' - איר וועט האבן אזעלכע אויגן אזוי ווי איך האב, דאס איז א גוטע מתנה; דער 'כבד פה' האט זיי געשענקט - 'איר וועט האבן אזא מויל אזוי ווי איך האב'; דער טויבער - 'איר וועט האבן אזעלכע אויערן אזוי ווי איך האב'; דער מיט דעם קרומען האלדז האט געשענקט - 'איר זאלט האבן אזא האלדז אזוי ווי איך האב' - יעדער האט נאר געוואונטשן אזוי ווי ער איז.

דער צדיק איז אזא מין טוב-עין, ער וויל פאר יענעם, דער רבי האט געזאגט[טו]: **"איר זאלט זיין 'כמוני ממש'!"**

די וועלט פרעגט דאך די קשיא אויפן רבי'ן: ער גיט אזעלכע עצות - חצות, התבודדות - אזעלכע הויכע זאכן, און ער זאגט פאר יעדן איינעם דאס צו מקיים זיין?! מען קען דאס נישט אוועקמאכן, חצות איז דאך א הויכע זאך, דער זוהר הקדוש און דער אר"י הקדוש זענען פול מיט חצות, אבער דאס איז נישט שייך צו אזעלכע מענטשן ווי מיר זענען, נאר צו צדיקים - זיי דארפן דאס; אבער דער רבי זאגט - 'ניין!' איך בין אזא מין טוב-עין, יעדער איינער דארף דאס האבן, יעדער איינער האט א שייכות צו חצות, יעדער איינער האט א שייכות צו רעדן דיבורים צום אויבערשטן, יעדער איינער האט א שייכות צו יעדן דבר שבקדושה! ער איז

[טו] חיי מוהר"ן ר"ל: "וְאָמַר אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת אִישׁ כָּשֵׁר שֶׁקּוֹרִין "גִּיטֶר יוּד" כָּמוֹנִי מַמָּשׁ".

דאך א חלק אלוקַ ממעל - פארוואס עפעס 'ער' נישט און 'ער' יא? "מקטן ועד גדול"! ביי התבודדות - "מקטנם ועד גדלם" - פון קליין ביז גרויס![טז]

דער צדיק איז אזא מין טוב-עין, אזא מין רחמן. דער רבי זאגט דאך[יז], ווער עס איז א רחמן דער קען זיין א מנהיג. ער איז אזא מין רחמן אז ער האט רחמנות אויף יעדן איינעם, ער ווייסט אז דער מענטש האט א נשמה, א חלק אלוק ממעל, וואס די נשמה דארף קומען דערצו אז ער זאל זיין העכער פון א מלאך און האבן ממשלה איבער די מלאכים[יח], גיט ער אים די עצות ער זאל קענען קומען דערצו. ער גיט אים די עצה אויפצושטיין ביינאכט אין דעם גרויסן עת רצון, רעדן צום אויבערשטן דיבורים, און די אלע עצות וואס עס איז דא אין ליקוטי מוהר"ן - אסאך גוטע עצות. פארוואס? ווייל ער איז א געוואלדיגער רחמן, א געוואלדיגער טוב-עין, ער וויל אז יעדער איינער זאל זיין אַן איש כשר[יט].

❖

[טז] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ה: "הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל ... וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין מֵעַצְמוֹ גֹּדֶל מַעֲלַת הַנְהָגָה זוֹ, הָעוֹלָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה, **וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל**, כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעְלָה גְּדוֹלָה. אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּזֶה". ושם בסי' ק': "סִפְּרוּ לִי שֶׁאָמַר, **שֶׁמִּקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת**. וְהָיָה מַזְכִּיר כַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים מְפֻרְסָמִים אֲמִתִּיִּים וְאָמַר, שֶׁכֻּלָּם לֹא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת".

[יז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז' על פסוק "כי מרחמם ינהגם".

[יח] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א'.

[יט] עיין שיחות הר"ן קס"ה: "בְּכָל פַּעַם שֶׁהָיָה מְסַפֵּר מֵעֹצֶם הַפְלָגַת מַעֲלָתוֹ וּמַדְרֵגָתוֹ הַגָּבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד. הָיָה אוֹמֵר בְּכָל פַּעַם, אֲבָל מְאֹד יָגַעְתִּי עַל זֶה. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גִּיהָארְוֶיט. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר פִּיל גִּיפַּאסְט. **וְעִקַּר סִפּוּרוֹ בְּפָנֵינוּ דְּבָרִים כָּאֵלּוּ הָיָה בִּשְׁבִיל קִנְאַת סוֹפְרִים כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה מְקַנְּאִים עַצְמֵנוּ בְּמַעֲלָתוֹ הַגְּדוֹלָה כְּדֵי שֶׁגַּם אֲנַחְנוּ נַעֲשֶׂה כְּמוֹתוֹ** וְנֵלֵךְ בִּדְרָכָיו לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ וְכוּ' וְלַעֲבֹד ה' כְּמוֹתוֹ. וּפַעַם אַחַת סִפֵּר עִם אֶחָד מֵעִנְיָנִים אֵלּוּ וְהִתְפָּאֵר לְפָנָיו מֵעֹצֶם גֹּדֶל מַעֲלָתוֹ וְהַשָּׂגָתוֹ הַגְּבוֹהָה הָעֲצוּמָה וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁמִּתְפָּאֵר וּמִתְגָּרֶה עִם חֲבֵרוֹ בִּגְדוֹלוֹת כְּדֵי שֶׁיִּתְקַנֵּא בּוֹ חֲבֵרוֹ. וְזֶה הָאִישׁ אָמַר לוֹ: מִי יוּכַל לָבוֹא לָזֶה לִזְכּוֹת לְמַדְרֵגַתְכֶם כִּי יֵשׁ לָכֶם נְשָׁמָה גְּבוֹהָה מְאֹד בְּוַדַּאי?! וְהִקְפִּיד רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מְאֹד עַל זֶה. וְאָמַר: זֶהוּ הַחִסָּרוֹן שֶׁלָּכֶם, שֶׁנִּדְמֶה לָכֶם שֶׁעִקַּר גֹּדֶל וְהַשָּׂגַת הַצַּדִּיקִים הַגְּבוֹהִים הוּא רַק מִצַּד הַנְּשָׁמָה הַגְּבוֹהָה שֶׁיֵּשׁ לָהֶם כִּי בֶּאֱמֶת לֹא כֵן הַדָּבָר, רַק **כָּל אֶחָד וְאֶחָד יָכוֹל לִזְכּוֹת לָבוֹא לְמַדְרֵגָתִי לִהְיוֹת כָּמוֹנִי מַמָּשׁ**. כִּי הָעִקָּר תָּלוּי רַק בִּיגִיעוֹת וַעֲבוֹדוֹת בֶּאֱמֶת. וְכֵן שָׁמַעְתִּי גַּם כֵּן כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁהָעִקָּר תָּלוּי רַק בִּיגִיעוֹת וַעֲבוֹדוֹת וְכוּ'".

## מען קען מקרב זיין אידן צום אויבערשטן!

דער רבי ברענגט א משל אין חיי מוהר"ן[כ]: א מלך האט אוועקגעבארגט אסאך געלט, געבארגט, געבארגט, (וכשהגיע זמן הפרעון) - קיינער גיט אים נישט אפ, קיינער גיט אים נישט אפ. איז געקומען איינער און האט אים אפגעבראכט דעם חוב. זאגט ער אים, 'וואס האב איך פון דעם וואס דו האסט מיר אפגעבראכט דעם חוב? דו גיי צו יעדן איינעם, נעם ביי יעדן עפעס, וועל איך דאך האבן אסאך (- אלפים פעמים יותר מסך ההלוואה שלך).

דער מלך האט דאך אוועקגעבארגט פאר דער גאנצער וועלט, ער גיט דאך יעדן איינעם, (ומבקש:) 'דו גיסט מיר טאקע אפ אינגאנצן, אבער וואס האב איך אז דו גיסט מיר אפ און אז דו ביסט אַן איש צדיק? גיי זעה אז נאך מענטשן זאלן עפעס געבן, אזוי וועל איך האבן אסאך מערער!

דאס איז (געזאגט געווארן) קעגן מקרב זיין אידן צום אויבערשטן! אַה, וואספארא גרויסע זאך דאס איז, רעדן איינער מיטן אנדערן פון תכלית!

נאר וואס דען, דער בעל דבר גיט זיך אַן עצה, ווען עס קומען זיך צונויף צוויי בחורים'לעך רעדט מען גאר אנדערע זאכן, לאכן, געשפעט - דאס איז נארישע דיבורים. עס איז דא א לשון[כא]: "וְכַמָּה עַלְמִין אִתְהַפִּיכוּ בְּגִינַיְהוּ" - וויפיל וועלטן

---

[כ] אות תמ"ז: "עוֹד שָׁמַעְתִּי מֵהָאִישׁ הַנַּ"ל שֶׁשָּׁמַע בְּשֵׁם רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ שֶׁסִּפֵּר מָשָׁל לְעִנְיַן מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְדַבֵּר עִם אֲנָשִׁים בְּיִרְאַת שָׁמַיִם וְזֶהוּ" וכו' עיין שם.

[כא] ע"פ מליצת לשון ליקוטי תפלות חלק שני תפלה ל"ג. ועי' ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה, אות ל"ט, בא"ד: "וְעַל כֵּן **צְרִיכִין לְהַאֲמִין** שֶׁעִקַּר כַּוָּנַת ה' יִתְבָּרַךְ **מַה שֶּׁמְּסַבֵּב שֶׁיִּסַּע הָאָדָם** הוּא רַק בִּשְׁבִיל שְׁלֵמוּת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל הַיְנוּ שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לָצֵאת מִבֵּיתוֹ לֵילֵךְ אוֹ לִנְסֹעַ לְמָקוֹם אַחֵר **כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְוַעֵד עִם אָדָם אַחֵר אוֹ עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים לְדַבֵּר עִמָּהֶם מֵהַתַּכְלִית הָאֲמִתִּי וְהַנִּצְחִי שֶׁיְּעוֹרְרוּ זֶה אֶת זֶה אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**. וְכָל אָדָם צָרִיךְ לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת, וְעַל כֵּן מְסַבֵּב ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיֵּלֵךְ וְיִסַּע הָאָדָם הַכֹּל רַק בִּשְׁבִיל זֶה. וְרַק זֶה יָדוּעַ שֶׁכָּל הַדְּבָרִים שֶׁבְּזֶה הָעוֹלָם בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּתְלַבְּשׁוּ בַּמֶּה

קערן זיך איבער!? דער אויבערשטער פירט דאך אזוי צו אז עס זאלן זיך צונויף קומען די צוויי מענטשן, און די כוונה עליונה איז, 'די צוויי מענטשן זאלן זיך צונויף קומען, מען זאל רעדן דיבורים פונעם תכלית'! - דער אויבערשטער איז אזוי מסבב, אבער עס פירט זיך נישט אוים די כוונה עליונה, מען קומט זיך צונויף און מען רעדט געשעפטן, פאליטיק, נארישקייטן, און מען צעגייט זיך; איבער דעם זענען זיך צונויף געקומען דיביידע? פאר דעם זענט איר זיך צונויף געקומען - אפרעדן די נארישע דיבורים און זיך צעגיין?!

דאס נעמט זיך אלץ דערפון, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט[כב]: 'דאס וואס די וועלט איז ווייט פונעם אויבערשטן איז ווייל מען האט נישט קיין ישוב הדעת!'. אז מען האט נישט קיין ישוב הדעת קען זיין אזא מין מציאות אז עס קומען זיך צונויף צוויי בחורים, צוויי יונגעלייט, און מען רעדט אפ דיבורים וואס מען דארף גארנישט צו רעדן און מען צעגייט זיך... - געוואלד געשריגן! וואס האב איך דא געטוהן? ווער האט אונז צונויף געפירט? דאס איז דאך אלץ מן השמים! אז צוויי מענטשן זענען זיך צונויף געקומען, אז איך טרעף זיך מיט איינעם, איז דאך מן השמים פירט מען דאס צו אז מען זאל זיך מעורר זיין אויפן תכלית, און מען קומט זיך צונויף - 'וואס הערט זיך, וואט טוהט זיך' - און מען צעגייט זיך, שוין... - וואס האב איך דא געטוהן? עס איז דאך א געוואלדיגער צער למעלה, די שכינה איז זיך מצער דערפון - 'וואס איז דאס עפעס? צוויי אידן וואס זענען א חלק אלוק ממעל, מן השמים האט מען דאך אייך צונויף געפירט איר זאלט רעדן דיבורים אז עס זאל זיין 'שכינה שרוייה ביניהם', (כשאחז"ל:) "שנים שיושבין [ויש ביניהם דברי תורה] שכינה שרוייה ביניהם!"[כג] - קערט איר זיך אפ און צעגייט זיך? איי, וואס ווערט דערפון?!'

---

שֶׁמִּתְלַבְּשִׁים וְהַקְּלִפָּה קוֹדֶמֶת לַפְּרִי עַל כֵּן עַל פִּי רֹב מִתְלַבְּשִׁים הַנְּסִיעוֹת וְהַטִּלְטוּלִים בְּעִסְקֵי חֹל. אֲבָל הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת צָרִיךְ לָשׂוּם לִבּוֹ לְשֹׁרֶשׁ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה כִּי בְּוַדַּאי כָּל דָּבָר יֵשׁ לוֹ שֹׁרֶשׁ בִּקְדֻשָּׁה. עַל כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לָשׂוּם לֵב לְהַאֲמִין שֶׁעִקַּר נְסִיעָתוֹ וְטִלְטוּלוֹ כְּדֵי שֶׁיִּתְוַעֵד עִם בְּנֵי אָדָם אוּלַי יוּכַל לְדַבֵּר עִמָּהֶם דִּבְרֵי אֱמֶת ... וְזֶה עִקַּר שֹׁרֶשׁ כָּל הַנְּסִיעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם", עיי"ש וכו'.

[כב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י'.

[כג] אבות פ"ג, מ"ב.

'עד היכן הדברים מגיעים' ווי ווייט עס איז גרוים דאס ישוב הדעת! נאר, דאס ישוב הדעת וואס מען איז זיך מיישב, דאס דארף זיין אזא שטארקער ישוב הדעת אויפן גאנצן טאג - 'איך בין נישט גלאט ביי זיך; וואס איך וויל - רעד איך, וואס איך וויל - קוק איך, וואס איך וויל - טוה איך!' - אט דאס דארף מיר דאס ישוב הדעת געבן.

❖

"און איז זיי ארום געפאלן און האט זיי געקושט". אַה, דער צדיק - אזא מין אהבה ווייזט ער ארום צו זיינע מענטשן![כד]

"אוּן הָאט צוּ זֵיי גְיזָאגְט: אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ קַאלִיקֶע אוּיף דִי הֶענְט? אִיךְ בִּין גָאר קֵיין קַאלִיקֶע נִיט אוּיף דִי הֶענְט, אִיךְ הָאבּ יוֹא כֹּחַ אִין דִי הֶענְט, נָאר אִיךְ נוּץ נִיט מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן מַיינֶע הֶענְט אִין דֶער וֶועלְט, וָוארִין אִיךְ בַּאדַארְף דֶעם כֹּחַ אוּיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. אוּן אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם וַואסִירִיקְן שְׁלָאס".

צדיקים אז זיי בארימען זיך, מוזן זיי האבן א הסכמה - 'דו זאגסט אזוי - אבער ווער נאך זאגט אזוי?!' עס זענען דאך פארהאנען אסאך היינט וואס בארימען זיך; ביי די אלע מעשיות פון די בעטלערס זאגט דער רבי - 'איך האב א הסכמה' 'איך האב א הסכמה'! עס גייט נישט קיין זאך - 'געזאגט'! אויך ביי דער מעשה האט דער רבי דערציילט: 'איך האב א הסכמה פון דעם וואסעריגן שלאס אז איך האב כח אין מיינע הענט'[כה].

❖

[כד] עיין חיי מוהר"ן תע"א: "הָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַכְּשֵׁרִים וְהַיְרֵאִים, בִּפְרָט הָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיק וַאֲנָשָׁיו, זֹאת הָאַהֲבָה אֵין לְשַׁעֵר וְהִיא אַהֲבָה אֲמִתִּית, אַהֲבָה עַצְמִית בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ. **כִּי הַצַּדִּיק אוֹהֵב אֶת אֲנָשָׁיו בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה וְרַבָּה מְאֹד, וְחָפֵץ בְּטוֹבָתָם מְאֹד בֶּאֱמֶת. אִם הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ הָיָה נוֹתֵן לָהֶם כָּל הַטּוֹב שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת**" וכו' עיין שם.

[כה] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ד: "דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים. הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד ... אֲבָל ... כִּי **כְּנֶגֶד כָּל מַעֲשֶׂה שֶׁל צַדִּיק יֵשׁ כְּנֶגְדּוֹ רַע**, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ כְּנֶגְדּוֹ מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל רְשָׁעִים, שֶׁגַּם לָהֶם אֵרַע כַּיּוֹצֵא בָּזֶה". גם עיין שם תניינא סי' ט"ו בענין "**אֵלּוּ הַמִּתְפָּאֲרִין עַצְמָן בְּשֶׁקֶר בִּגְדוֹלוֹת וְנִפְלָאוֹת, וּכְאִלּוּ אֵין שׁוּם דָּבָר נִמְנָע מֵהֶם, וְהַכֹּל בְּיָדָם**" וכו' עיי"ש.

# "מָשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֶר וְיָקוּם, אֲבָל אֲנִי..."

(השואל: פריער זאגט דער רבי, דער בעטלער האט נישט געהאט קיין הענט בכלל, שפעטער זאגט דער רבי אז ער האט געהאט הענט נאר ער האט נישט געניצט מיט דער כח פון די הענט?) די הענט האבן נישט געארבעט, אזוי ווי איינער קען נישט רירן מיט די הענט. מיר קענען נישט זאגן אז ער איז געווען א בעל מום, דאס קענען מיר נישט זאגן, א בעל מום, זאגט דאך דער אר"י הקדוש, דאס איז א געוואלדיגער פגם. נאר וואס דען? די הענט האט ער געהאט, אויך דער טויבער האט געהאט אויערן און דער בלינדער האט געהאט אויגן און דער כבד פה האט געהאט א מויל, נאר וואס דען, זיי האבן דאס גענוצט ווי מען דארף.

אז יענער גייט אריין צו מיר און ער רעדט און איך ענטפער אים גארנישט, מיינט ער אז איך בין עפעס א שטומער - איך ענטפער אים דאך נישט. (אבל למעשה) פארוואס ענטפער איך אים נישט? ווייל ער רעדט נישט וואס איך דארף אים ענטפערן - וואס זאל איך אים ענטפערן?! אבער אז ער רעדט עפעס א דבר תורה, ענטפער איך שוין יא, דעמאלט האב איך שוין א מויל, דארט רעד איך שוין!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ס"ו[כ], וואס הייסט א 'שפה ברורה'? 'שפה ברורה' הייסט, א ריינע מויל נאר פארן אויבערשטנ'ס וועגן! א ריינע שפה; נישט אז ער קען גוט רעדן עברית מיט א שפה ברורה - ער האט א גוטע מויל צו רעדן, נישט דאס איז א שפה ברורה... נאר "לקרוא כולם בשם ה'" מיט דעם מויל! אז איך נוץ אוים מיין מויל נאר פארן אויבערשטנ'ס וועגן, דאס איז א שפה ברורה, דעמאלט האב איך א ריינער מויל! דער אויבערשטער בארימט זיך למעלה, 'איך האב א מענטש

---

[כ] אות ג': "עַכְשָׁו הַדִּבּוּר חָסֵר וְאֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, מֵאַחַר שֶׁאֵין כָּל הָעוֹלָם קוֹרְאִין לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר. אֲבָל לֶעָתִיד יִקְרְאוּ כֻּלָּם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר, אֲפִלּוּ עַכּוּ"ם, וְעַל כֵּן אָז יִהְיֶה הַדִּבּוּר בִּשְׁלֵמוּת, בִּבְחִינַת שָׂפָה בְרוּרָה, מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל יִקְרְאוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר".

אין דעם עולם און ער האט אזא ריינער מויל, א שפה ברורה, ער רעדט מיטן מויל נאר בשם ה', תורה, תפילה, פון דעם תכלית!' דאס איז א שפה ברורה!

לעתיד וועט אזוי זיין, עס וועט זיין א "שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה'", עס וועט זיין א שפה ברורה פאר יעדן איינעם. אבער מיר דארפן דאך נישט ווארטן אויף לעתיד; אז מיר האבן אזא גרויסן רבי'ן קען מען איצטער אויך האבן דער שפה ברורה.

מען האט טאקע נעכטן גערעדט ווען מען האט געלערנט די מעשה, דער רבי האט געזאגט[כז]: "פון מיר ביז משיח וועט נישט זיין חילוק; **נאר אים וועט מען פאלגן און מיך וויל מען נישט פאלגן!**"[כח].

קומט דאך אויס, מיר דארפן יא פאלגן דעם רבי'ן! די וועלט וועט ווארטן אויף משיח'ן צו הערן, אבער מיר הערן דאך פונעם רבי'ן!

משיח וועט זאגן: 'אידן, מען דארף אויפשטיין חצות!' - וועט מען פאלגן; אבער דער רבי זאגט "שוין". משיח וועט זאגן: 'מען דארף רעדן פארן אויבערשטן דיבורים!' - וועט מען אים פאלגן; דער רבי זאגט "שוין". די וועלט ווייסט דאך נישט, מוזן זיי ווארטן אויף ווען משיח וועט קומען, זיי האבן דאך נישט קיין עצה, זיי האבן נישט פון וועמען צו הערן, אבער מיר ברוך השם הערן דאך יא[כט].

---

[כז] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות קכ"ט: רביה"ק אמר: **"פון מיר ביז משיח וועט נישט זיין קיין שום נייעס, די אייגענע עצות וואס איך געב - וועט געבן משיח צדקינו אויך; נאר וואס דען? משיח וועט מען פאלגן, ויגזור אֹמר ויקם, און מעך וויל מען נישט פאלגן!"**. ועי' בחיי מוהר"ן, אות רס"ו: **"אָמַר, כָּל מַה שֶּׁמָּשִׁיחַ יַעֲשֶׂה טוֹבוֹת לְיִשְׂרָאֵל אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת, רַק שֶׁהַחִלּוּק הִיא שֶׁמָּשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֵר וְיָקוּם אֲבָל אֲנִי...** (וּפָסַק וְלֹא דִּבֵּר יוֹתֵר)".

[כח] עיין ליקוטי הלכות עירובי תחומין ה"ה, אות כ"ב.

[כט] עיין ליקוטי הלכות הל' קרי"ש ה"ה, ט"ו: **"עַכְשָׁיו כָּל תִּקְוָתֵנוּ הוּא רַק עַל יְדֵי אֲמִתִּיּוּת הָעֵצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת הַתְּמִימוֹת הַנִּמְשָׁכִין מֵהִתְנוֹצְצוּת מָשִׁיחַ שֶׁהִתְחִיל לְהִתְנוֹצֵץ מִימֵי הָאֲרִ"י זַ"ל, וְכָל מַה**

"משיח וועט מען פאלגן, מיך וויל מען נישט פאלגן"; אבער אז מיר ווילן דאך יא פאלגן דעם רבי'ן, איז דאך ביי אונז ממש אזוי ווי משיח איז שוין דא און ער זאגט אונז דאס! זיי וועלן הערן פון משיח'ן, אבער מיר הערן שוין!

משיח וועט נישט אויפטוהן פאר אונז קיין נייע זאכן, ער וועט נישט געבן קיין נייע עצות!

ווייל דער אמת איז, צו ווערן אַן איש צדיק, אַן איש קדוש, דארף מען גארנישט האבן קיין שענערע עצות פון וואס דער רבי גיט. מיט די עצות פון דעם רבי'ן קען מען ווערן ממש אַן איש צדיק, אַן איש קדוש! וואס דארף מען האבן שענערע עצות? וואו איז דא שענערע עצות ווי אויפשטיין ביינאכט חצות און האבן התבודדות!? דער רבי גיט עצות, נאר די וועלט האט נישט ווער עס זאל זיי זאגן, מען זאגט נישט, זיי זאגן, 'נע... התבודדות, התבודדות, חצות' - איך וויים... מען מאכט א געלעכטער. ברוך השם - דער רבי זאגט יא! דער רבי זאגט יא!

❖

## אריינגעלייגט אין חרם

אז א מענטש איז משתוקק צו א דבר שבקדושה, מאכט ער א כלי צו דעם דבר שבקדושה![ל] אז ער האט תפילין - שוין, לייגט ער תפילין, אבער אז איינער איז משתוקק צו תפילין און בעט דעם אויבערשטן פריער און איז זיך מתבונן וואס איז תפילין, האט ער מער דעם דבר שבקדושה; אזוי ווי ער בענקט צו דעם דבר שבקדושה, איז דער דבר שבקדושה בענקט צו אים אויך, עס איז א בחינה פון א

שֶׁמִּתְקָרְבִין יוֹתֵר לְבִיאַת מָשִׁיחַ אַף עַל פִּי שֶׁצָּרוֹת הַנֶּפֶשׁ מִתְגַּבְּרִין יוֹתֵר, אֲבָל בְּרַחֲמָיו גַּם הִתְנוֹצְצוּת מָשִׁיחַ מִתְנוֹצֵץ בְּכָל פַּעַם יוֹתֵר, וּכְמוֹ שֶׁמְּסַפְּרִין עִנְיָן זֶה בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבַּרְדִּיטְשׁוֹב זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה".

[ל] עיין לעיל הערה ו'.

בענקאכטס פון איינעם צום אנדערן[לא]. עס איז דא א צדיק וואס ער בענקט צו א מצוה, בענקט די מצוה צו אים אויך.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל"א[לב]: "אם הרב דומה למלאך ה' צבאות", איז "תורה יבקשו מפיהו" - די תורה בעט זיך ארויסצוגיין פון זיין מויל!

די גמרא זאגט טאקע אין מועד קטן[לג], עס איז געווען א צורבא מרבנן וואס איז געווען 'סנו שומעניה' - נישט קיין שיינע מעשיות האט מען פון אים געהערט. האט מען נישט געוואוסט וואס זאל מען טוהן מיט אים; זאל מען אים לייגן אין חרם ארייין, איז ער דאך א צורבא מרבנן, ער האט דאך אין זיך אסאך; זאל מען נישט? עס איז דאך 'סנו שומעניה'. איז אנגעקומען דארט רבה בר בר חנא, האט ער געזאגט אז אזוי האט ער געהערט פון ר' יוחנן: "אם הרב דומה למלאך ה' צבאות" - דעמאלט דארף מען האבן זיין תורה, אויב נישט - דארף מען נישט האבן זיין תורה! האט מען אים אריינגעלייגט אין חרם אריין.

פארוואס? אזוי האט ר' יוחנן געזאגט: די תורה וויל גאר נישט ארויסגיין פון זיין מויל, די תורה וויל נישט!

אזוי ווי מען האט פריער גערעדט, דער צדיק האט גאר א צער גדול אז דער רעדט ארוים דער תורה מיט זיין מויל. עס איז דאך א 'בחינת נשיקין', דער צדיק קושט זיך מיט דעם וואס ער לערנט, עס קומען זיך צונויף צוויי שפתיים, 'די' ליפן - מיט 'דער' ליפן. אז אַן איש כשר לערנט - און ער לערנט כאטש ווייל ער וויל האבן א הרהור

---

[לא] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, י"ח י"ט.

[לב] שם: "וְזֶהוּ: 'אִם הָרַב דּוֹמֶה לְמַלְאַךְ ה' צְבָאוֹת', הַיְנוּ שֶׁהוּא לַמְדָן בַּתּוֹרָה, וְעוֹבֵד אֶת ה', וְעַל יְדֵי זֶה הוּא מְצַיֵּר אוֹתִיּוֹת שֶׁהַתּוֹרָה לְטוֹב. אֲזַי 'תּוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ', שֶׁאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה מְבַקְשִׁין לְקַבֵּל נְקֻדּוֹת וּלְהִצְטַיֵּר מִפִּיו, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁפִּיו יְדַבֵּר הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה שֶׁלּוֹ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִגְמָרִין וְיוֹצְאִין הַנְּפָשׁוֹת, וְנַעֲשִׂין נְקֻדּוֹת לְהָאוֹתִיּוֹת, וְנִצְטַיְּרוּ וְנַעֲשִׂין כְּלִי לְקַבֵּל טוֹב. כִּי עַל יְדֵי הַנְּקֻדּוֹת, נִזְדַּוְּגוּ וְנִצְטָרְפוּ הָאוֹתִיּוֹת כַּנַּ"ל".

[לג] דף יז.

תשובה, די תורה זאל אים מחזיר זיין למוטב, איז כאטש ער איז נאכנישט אזוי ווי דער קדוש, האט מען אויך נחת רוח פון אים. אבער אז ער לערנט גאר – איך וויים... ער האט גאר אנדערע כוונות, א 'קרדום לחפור בה' - איך וויים גארנישט וואס ער וויל... און ווער שמועסט נאך א 'סנו שומעניה' - ער האט גאר שלעכטע מעשים, איז ער דאך גורם א צער גדול, די תורה וויל נישט ארויסגיין פון זיין מויל, די תורה בעט זיך גארנישט פון אים.

האט אים רב יהודה געלייגט אין חרם. זאגט די גמרא, ווען רב יהודה האט געוואלט נסתלק ווערן איז ער אריינגעקומען צו רב יהודה'ן מען זאל אים מתיר זיין דער חרם. האט רב יהודה געשמייכלט. האט ער געפרעגט, 'פארוואס שמייכלסטו נאך פון מיר אזוי?' האט רב יהודה געזאגט: "איך לאך נישט פון דיר, נאר אז איך וועל קומען אהינצו וועל איך זאגן 'איך האב דיר אויך נישט גע'חנפ'עט'".

דערנאך, לאחר הסתלקותו, איז ער געקומען צו די חכמים מען זאל אים מתיר מאכן דעם חרם, האבן זיי אים שוין געוואלט מתיר מאכן דעם חרם, איז פונקט אין דעם טאג אנגעקומען דארט איינער (ר' שמואל בר נחמני) וואס איז שוין לאנג נישט געווען, האט ער אזוי געזאגט: 'מה-דאך אמתא דרבי [- די דינסט פון רבי] ווען זי האט געזעהן א טאטע שלאגט א גרויס קינד האט זי אים געלייגט אין חרם - האט דער חרם אנגעהאלטן דריי יאר, קיינער האט דאס נישט מתיר געמאכט, כל שכן 'רב יהודה'!' האט מען אים נישט מתיר געמאכט. זאגט די גמרא: איז ער ארויסגעגאנגען אינדרויסן, האט אים געגעבן א ביס א שלאנג און ער איז געשטארבן.

מען מיינט נישט סתם אראפברענגען א מעשה, מען רעדט דאך בעיקר - דעם אמת פון חז"ל, אזא תורת אמת, מיר האבן אַן אמת'ע תורה, די תורה איז אמת, פון יעדן דיבור פון דער תורה דארף מען זיך אפלערנען.

❖

# "המאור שבה מחזירן למוטב"

מיר קענען נישט זאגן אז מיר לערנען די תורה מיט די קדושה וטהרה אזוי ווי מען דארף לערנען, אבער ווען כאטש, לאמיר כאטש ווען. 'תורה לשמה'; וואס הייסט דער ווארט "לשמה" - 'פון איר'ט וועגן'? אז מען לערנט זאל מען נישט האבן קיין אנדערע כוונה נאר טאקע די תורה 'אליין', טאקע זי אליין! די תורה אליין האט אין זיך אזא מין ליכטיגקייט, 'המאור שבה' דאס קען מיר מאכן 'למוטב'. (דער אויבערשטער זאגט טאקע:) 'אז איך האב באשאפן א יצר הרע, האב איך באשאפן אנטקעגן דעם א תורה'[לד]. אבער וואס איך לערן (דארף זיין, ווייל) איך וויל זוכה זיין צו דעם אור התורה, עס זאל אויסרייניגן מיין גוף, איך האב נישט קיין שום אנדערע כוונה - נאר די תורה אליין! אזא מין אור איז דא אין דער תורה! און דאס וואס איך לערן איז, ווייל איך וויל די תורה אליין, איך זאל זוכה זיין צו דעם אור התורה!

דער מדרש זאגט דאך[לה]: "המאור שבה היה מחזירן למוטב"; וואו איז אונזער ליכטיגקייט וואס זאל אונז מחזיר זיין למוטב? יעדער מאמר חז"ל איז דאך א רוח הקודש, געוואלד! עס איז דאך דיבורים מן השמים! שכינה מדברת מתוך גרונם, ווער האט דאס גערעדט? תנאים, אמוראים - עס איז דאך א געוואלד ווער זענען זיי געווען! "המאור שבה מחזירן למוטב"! וואו איז דער אור התורה וואס זאל מיר מחזיר למוטב זיין? איך ווער דאך גארנישט בעסער, איך לערן דאך!

מיטן האבן די עצות פון רבי'ן איז שוין אבער אַן אנדערע תורה, עס איז אַן אנדערער סעיף אין שולחן ערוך, אַן אנדערע משנה אין משניות, וואס מען לערנט איז שוין גאר עפעס אנדערש, עס איז טאקע מחזיר למוטב[לו].

❖

---

[לד] קידושין ל:

[לה] מדרש רבה איכה פתיחתא פס' ב': "ר' הונא ור' ירמיה בשם ר' חייא בר אבא אמרי כתיב (ירמיה ט"ז) 'ואותי עזבו ואת תורתי לא שמרו' הלואי אותי עזבו ותורתי שמרו **מתוך שהיו מתעסקין בה המאור שבה היה מחזירן למוטב**".

[לו] עיין בביאור הליקוטים בדברי פתיחה: "ולפי כל זה תבין ותתבונן ברוב ועוצם חיוב והכרח הלימוד בתורה שבנסתר שזכינו על ידי רביז"ל. **כי הן המה התבלין המוכרחים להיצר הרע שבעת הזאת, שעל זה אמרו חז"ל בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין** (מסכת קידושין דף ל' ע"ב)".

## עס גייט א ברענעדיגער זומער

עס גייט איצטער א זומער, עס איז דאך ממש א געוואלד, מען האט אונז געגעבן א נסיון. אין דער קדושה איז פארן עץ הדעת געווען אָן לבושים, אזעלכע אורות איז געווען. דער אר"י הקדוש ברענגט, די צוויי אויגן זענען צוויי יודי"ן, די נאז איז א וא"ו, איז עס דער שם הוי"ה; מיט אלע איברים מאכט מען צירופים פון דעם שם הוי"ה. פארן חטא עץ הדעת איז געווען אזא ליכטיגקייט אז דער גוף איז געווען פול מיט שמות הקדושים, מען האט גאר נישט געדארפט האבן קיין לבושים, אבער היינט אז איינער וועט גיין אָן א לבוש, איז ער א חצוף, איז ער א רשע! כאטש אינ'אמת'ן זענען דאך אלע איברים געהייליגט, אבער וויבאלד עס איז שוין דא דער פגם עץ הדעת, איז שוין דא אזא מין זוהמה אז מען מוז האבן לבושים, אָן א לבוש זאל דער אויבערשטער אפהיטן וואס טוהט זיך... איז אזוי ווי פארן עץ הדעת איז געווען אזא מין ליכטיגקייט וואס עס איז געווען אָן לבושים, אזוי האט זיך דער בעל דבר איצטער ארייגעכאפט מיט אזא פגם אין די לבושים רחמנא ליצלן!... זומער - א געוואלד מיט די לבושים!

וואס איז די עצה? די עצה איז תפילה! אז מען גייט ארויס אינדרויסן, גייט מען ארויס אויף א מלחמה, דארף מען בעטן דעם אויבערשטן איך זאל צוריק קומען גאנץ, איך גיי דאך ארויס און איך דארף קומען קריק, זאל איך קומען א גאנצער, "ושמור צאתנו ובואנו", "ה' ישמור צאתך ובואך", אז דו גייסט ארויס און דו קומסט צוריק, זאלסטו צוריקקומען גאנץ, דו זאלסט נישט ווערן צעהאקט אינדערמיט, נישט ווערן צעקלאפט. דעם רבי'נס זאך איז נישט ווערן מרה שחורה'דיג דערפון, אבער דאס איז דאך עפעס א מלחמה, "כי תצא, למלחמה" - אז דו גייסט ארויס אינדרויסן, איז שוין א מלחמה[לז].

אז מען ווייסט דאס, איז אויך זייער גוט. עס ווערט געבראכט אז מען האט דאך מתקן געווען די פרקי אבות אויף דעם! וואס איז די פרקי אבות וואס מען האט מתקן

---

[לז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ר"פ.

געוועז זומער? די מוסר; זומער דארף מען האבן די מוסר נאך מערער ווי ווינטער, ווייל דער זומער ברענט, אינדרויסן ברענט!

ברוך השם, מיט דעם כח פונעם רבי'ן איז דא עצות אויפן זומער אויך! אז מען איז מאריך ימים וועט מען דאך האבן אסאך זומערס, אז איינער וועט לעבן הונדערט יאר, וועט ער האבן הונדערט זומערס, הונדערט ווינטערס.

עס איז א דבר ידוע, דער איצטיגער נסיון פון לבושים איז געווארן געוואלדיג, דאס איז דאך רחמנא ליצלן אזא מין סארט מכה, ער שיסט איצטער אויס אזא מין סארט פייל אין די לבושים, וואס ווי ווייט מען קען דארף מען זיך היטן, וואס ווינציגער גיין אינדרויסן - ווי ווייט מען קען, און אז איך מוז שוין גיין אינדרויסן בהכרח, זאל איך וויסן אז איך גיי ארויס אויף א מלחמה און בעטן דעם אויבערשטן אז איך זאל קומען צוריק גאנץ. אינדרויסן שטייט דער בעל דבר מיט זיינע צען מינע פיילן, מיט צען מינע סמים פארשמירט - ער שמירט און קנאקט! וואס איז אונזער עצה? מיר האבן נאר תפילה קעגן אים, נאר תפילה!

❖

## קיין רגע אָן תפילה

מיר דארפן אסאך דאנקען דעם אויבערשטן וואס ער האט אויף אונז רחמנות געהאט וואס מיר ווערן אנגערופן אויף דעם הייליגן נאמען פונעם רבי'ן! אויף וואס מיר רעדן דא - האבן מיר די רפואה פונעם רבי'ן, 'בעטן דעם אויבערשטן אויף יעדער זאך'!

וואס הייסט אז 'תפילה' איז בחינת 'יעקב' - אזוי ווי א 'בית'?[לח] ר' שמשון (בארסקי) פלעגט תמיד לערנען, דאס איז אזוי ווי א שטוב; אזוי ווי א מענטש קען נישט זיין אָן

[לח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' י'.

קיין שטוב, אזוי קען מען זיך נישט רירן אָן תפילה - מען קען זיך נישט רירן אָן קיין תפילה!

עס איז דא א שיר דארטן פון דעם של"ה הקדוש[לט]: "**אין רגע בלא פגע**". האט רבי נתן געטייטשט[מ]: אזוי ווי 'אין רגע בלא פגע' - ווייל עס גייט דאך איבער, אזוי דארף זיין 'אין רגע בלא פגע' - אָן תפילה, עס טאר נישט זיין קיין רגע אָן קיין תפילה; ביידע טייטשן גייען צוזאמען.

דאס אליין אז מען בעט דעם אויבערשטן אויף יעדער זאך דאס אליין איז שוין א געוואלדיגער נחת רוח למעלה - 'ער בעט מיר, ער בעט מיר!' כאטש איך האלט נאכנישט דערביי, אבער איך בעט דעם אויבערשטן, איך דערמאן די תורה פון רבי'ן, (און די תורה, וכו') . דער רבי זאגט דאך[מא], ווען ער מאכט פון תורות תפילות האט דער אויבערשטער אזעלכע שעשועים "**אשר מימות עולם לא עלו!**" - מימות עולם איז נאך אזעלכע שעשועים נישט געווען ווי דאס וואס א מענטש לערנט עפעס און ער בעט דעם אויבערשטן ער זאל מקיים זיין וואס ער לערנט.

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף דער וועלט [- מילא די וועלט איז דאך אוודאי ווייט דערפון] - מען האט צוגעשיקט אזא רבי'ן וואס ער האט צוגעגרייט רפואות אויף איצטער, אויף דעם ברען וואס טוהט זיך איבער איצטער - ווער ווייסט וואס נאך עס וועט זיך טוהן... עס איז דא רפואות פונעם רבי'ן, מען זאל אפהיטן דעם הייליגן זמן, רעדן צום אויבערשטן דיבורים, האבן גוטע חברים, און די אלע עצות וואס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן.

מען דארף האבן א חבר, אבער נאר א חבר מיט וואס מען זאל רעדן דיבורים פונעם תכלית, אנדערע זאכן - נישט, נאר א חבר אויף דעם אופן. אזוי ווי מען דארף

---

[לט] על מס' יומא דרך חיים אות ק"נ.

[מ] כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות ל"ח.

[מא] שיחות הר"ן קמ"ה.

רעדן צום אויבערשטן אלע טאג, דארף מען האבן א חבר אלע טאג, רעדן דיבורים פונעם תכלית![מב] דער בעל דבר גיט זיך אַן עצה, אז מען האט שוין דעם חבר, שיקט ער צו אנדערע דיבורים, ער האט שוין וואס צו צו שיקן, דארף מען "בתחבולות תעשה מלחמה"[מג], נישט לאזן זיך!

❖

## ספירה - א יסוד פון אידישקייט!

דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אונז, עס קומט דער זומער, אנהויב זומער האבן מיר די מצוה פון ספירה, דאס איז דאך אַן ענין פון 'לטהרנו'; אנהויב זומער וועט איר האבן זיבן וואכן פון ציילן ספירה און בעטן דעם אויבערשטן "לטהרנו מקליפותינו ומטומאותינו", דאס איז דאך אויך א מין צוגרייטאכטס מען זאל קענען איינשטיין אין דעם געוואלדיגן חמימות וואס טוהט זיך איבער אין דעם זומער!

נאכדעם איז דא א דריי וואכן (בין המצרים), און נאכדעם אַן אלול - זומער האט מען דאך מער (זמני תשובה) פון דער ווינטער. ועל כולם, מיר האבן דעם רבי'ן! מיר האבן דעם רבי'ן! ווער ווייסט פון ספירה? ווער ווייסט אז ספירה איז עפּעס א יסוד פון אידישקייט? ביי אונז איז ספירה א יסוד פון אידישקייט![מד]

---

[מב] עיין ליקוטי הלכות הל' גרים ה"ג, אות י"ט: "כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל **מְחֻיָּב** לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם **בְּכָל יוֹם וָיוֹם**". גם עיין בליקוטי תפילות ח"ב תפילה ז': "שֶׁנִּזְכֶּה תָּמִיד שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד יַעֲסֹק **וִידַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ** בְּיִרְאַת שָׁמַיִם **בְּכָל יוֹם וָיוֹם**, וִיקַבְּלוּ דִּין מִן דִּין תּוֹרָה וְדַעַת אֱלֹהִים וְיִרְאַת שָׁמַיִם, וִיעוֹרֵר וִיזָרֵז וִיחַזֵּק כָּל אֶחָד וְאֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ".

[מג] משלי כד, ו.

[מד] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות ז': "**וְזֶה בְּחִינַת גֹּדֶל הַצְּעָקָה מֵעֹמֶק הַלֵּב שֶׁנּוֹהֲגִין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים לִצְעֹק בִּשְׁעַת הַסְּפִירָה**, כִּי הוּא בְּחִינַת צַעֲקַת הַלֵּב מִמַּעֲמַקִּים כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לְהַמְשִׁיךְ עֵצוֹת עֲמֻקּוֹת כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לִטָּהֵר עַל יָדָם מִזֻּהֲמָתֵנוּ וּמִטֻּמְאָתֵנוּ. כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לְקַבֵּל הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת, **שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּלַל כָּל הָעֵצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת**, כִּי כְּלַל הַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת תַּרְיַ"ג עֵטִין דְּאוֹרַיְתָא וְהָעִקָּר כְּדֵי

בשעת עס איז געווען די גרויסע התנגדות, רבי נתן איז געווען פארשיקט פון ברסלב קיין נעמירוב אויף דריי יאר, איז כאטש אין נעמירוב איז ער געווען פריי, אבער אונזערע לייט האבן זיך נישט געקענט צונויף קומען, ווייל די מסירה איז דאך אינגאנצן געווען אז ער מאכט סעודות און מען קומט זיך צונויף[מה], האבן שוין מענטשן נישט געקענט קומען אזוי, עס פלעגן קומען א צוויי-דריי מענטשן, אבער מענטשן אזוי ווי עס איז געקומען קיין ברסלב, האבן שוין נישט געקענט קומען צו רבי נתן'ען.

**האט רבי נתן געזאגט: "ווען דער חולק זאל מער נישט געווען אויפטוהן נאר דאס וואס ער האט אונז מבטל געווען די לעצטע ספירה און דעם אקדמות, וועט ער שוין דארטן אויך האבן גענוג!"[מו]**

ווען מען איז געקומען צו רבי נתן'ען אויף שבועות האט מען שוין אויך געציילט די לעצטע ספירה ביי רבי נתן'ען, האב איך געהערט אז דאס איז אזוי געווען אז גאנץ ברסלב איז געווען פול מיט פחד ה', אזעלכע קולות איז געגאנגען פון דער לעצטער ספירה! און ער (החולק) האט דאך דאס מבטל געווען, מען האט דאך שוין נישט געקענט קומען צו רבי נתן'ען, עס איז שוין נישט געווען דער עולם.

---

שֶׁנִּזְכֶּה עַל יָדָם לֶאֱמוּנָה בִּשְׁלֵמוּת, שֶׁהִוא הָעִקָּר". גם עיין בהל' הרשאה ה"ד, אות י"ט: "**וְזֶה בְּחִינַת סְפִירַת הָעֹמֶר,** שֶׁהוּא הֲכָנָה לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת, **שֶׁהוּא עִקַּר הִתְקָרְבוּת נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם**" וכו' עיי"ש.

[מה] מסרו אותו שעושה עצמו כנביא ומשיח ומרמה את הבריות. (שיש"ק ח"ב שפ"ט)

[מו] עיין עלים לתרופה במכתב ממוצ"ש במדבר תקצ"ו: וִימֵי הַשָּׁבוּעוֹת מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין. שָׁבוּעוֹת חָדָשׁ שֶׁלֹּא עָבַר עָלַי כָּזֹאת זֶה כַּמָּה שָׁנִים שֶׁאֶהְיֶה מֻכְרָח לִהְיוֹת בְּנֶעמְרוֹב, וְיִהְיֶה פַּחַד מִלְּהִתְקַבֵּץ יַחַד לוֹמַר יַחַד אַקְדָּמוֹת. **וְאִם לֹא מָנְעוּ הַמּוֹנְעִים כִּי אִם אֲמִירַת הָאַקְדָּמוֹת שֶׁל הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ שֶׁלָּנוּ גַּם כֵּן רָאוּי שֶׁיָּבוֹא עֲלֵיהֶם מַה שֶּׁיָּבוֹא.** אַךְ אַף עַל פִּי כֵן קִוִּיתִי לַה' שֶׁיַּמְשִׁךְ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת שָׁבוּעוֹת זְמַן מַתַּן תּוֹרָה בְּחַסְדּוֹ הַגָּדוֹל.

אויך דער אקדמות איז געווען עפעס א געוואלד! דער רבי האט דאך א זאג געגעבן[מז]: **"וואס אידן פארמאגן - אקדמות מיטן ניגון!"** עס איז געווען עפעס אַן אקדמות - אה!

מיר מיינען דאך נישט צו רעדן, מען מיינט דאך צו רעדן וואספארא רפואות דער אויבערשטער שיקט אונז צו; אלע האבן דאך א מצוה פון ספירה, נאר מיטן רבי'ן האבן מיר טאקע א מצוה פון ספירה אז מען ווייסט טאקע פון ספירה, פון עפעס רעדן צום אויבערשטן, עפעס אויסשרייען![מח] נישט נאר בשעת ספירה, נאר דעם גאנצן טאג אינזינען האבן אז עס איז דא א ספירה, אינזינען האבן בייטאג אז עס איז דא א ספירה, נוצן די טעג. וואס איז ספירה? טעג פון ז' נקיים! פאר קבלת התורה דארף מען האבן זיבן ריינע וואכן, זיבן ריינע טעג - אזוי האט מען עפעס א שייכות מיט דער מצוה!

זעהען מיר דאך אלץ ארויס, דורכן רבי'ן זענען מיר אומעטום רייך - וואו מען גיט זיך א ריר איז מען אלץ רייך. די וועלט האט דאס נישט, זיי האבן די מצוה, אבער דעם געפיל פון דער זאך האבן זיי נישט.

❖

## אז דער דאווענען גייט עפעס נישט...

דאס אייגענע איז ביי תפילה אויך. דער רבי זאגט אין תורה ד' דארטן: "הַהוּא כַּוְרָא דְּיַתְבָא לֵיהּ אָכְלָה טִינָא בְּאוּסְיֵהּ" - א שרץ קטן איז אריינגעגאנגען אין דער נאז פון דעם פיש. 'דג' מיינט מען 'נשמות ישראל', און די 'נאז' מיינט מען, 'תפילה'

---

[מז] עיין שיחות הר"ן רנ"ו.

[מח] עיין ליקוטי הלכות הל' דם ה"א, אות ו': "**עִקַּר הַסְּפִירָה הוּא בְּחִינַת הִשְׁתּוֹקְקוּת וְכִסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁכָּל אֶחָד נִכְסָף וּמִשְׁתּוֹקֵק וּמִתְגַּעְגֵּעַ לִזְכּוֹת לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת.** וְזֶהוּ בְּחִינַת סְפִירָה שֶׁהוּא בְּחִינַת הִשְׁתּוֹקְקוּת וְגַעְגּוּעִים. כְּמוֹ מִי שֶׁסּוֹפֵר הַיָּמִים מֵחֲמַת שֶׁמִּתְגַּעְגֵּעַ וְכוֹסֵף וּמִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד לְאֵיזֶה דָּבָר, מֵחֲמַת זֶה סוֹפֵר הַיָּמִים מָתַי יִזְכֶּה לָבוֹא לְאוֹתוֹ הַדָּבָר ... **וְעַל כֵּן בִּשְׁעַת סְפִירָה הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל וְהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ מְאֹד לַה' יִתְבָּרַךְ**, כִּי עִקַּר הַסְּפִירָה הוּא בְּחִינַת הִשְׁתּוֹקְקוּת וְכִסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל.

- ׳חוטם׳ איז ׳תפילה׳. און א ׳שרץ קטן׳, זאגט דער רבי, דאס מיינט ׳א טומאה קלה׳, האט זיך אים אריינגעזעצט אין נאז אריין.

״מָה עָשָׂה הָאִישׁ הַזֶּה״ - וואס האט דער מענטש געטוהן? ער האט זיך באנוצט מיט (די דריי בחינות), ׳ראיית פני הצדיק׳, ׳צדקה לתלמיד חכם׳, ׳וידוי דברים׳. פלעגן אונזערע לייט זאגן: וואס איז דער ״מה עשה האיש הזה״? נאר דאס איז א סימן אז מען טאר נישט שווייגן! וואס האט דער מענטש געטוהן אז עס איז געקומען א טומאה קלה און איז אריינגעגאנגען אין זיין תפילה אריין - וואס האט ער געטוהן?!

דער רבי האט אמאל גערעדט מיט רבי נתן׳ען, איז אנגעקומען איינער, האט דער רבי געזאגט[מט]: דער דאזיגער אז עס ווערט אים עפעס ענג אין דאווענען, גייט ער דורך צופום צום רבי׳ן [- ער איז געווען אַן ארעמאן, ער האט נישט געהאט אויף הוצאות] און פרעגט דעם רבי׳ן אַן עצה צום דאווענען - און גייט קריק! האט דער רבי משבח געווען דעם מענטשן פאר רבי נתן׳ען. דער מענטש איז פונקט אזוי אנגעקומען.

׳דער מענטש אז עס ווערט אים ענג, גייט ער דורך צופוס!׳

״מה עשה האיש הזה?!״; אז דער דאווענען גייט עפעס נישט - ׳וואס האט דער מענטש געטוהן?!׳ - דאס איז דאך א געוואלדיגער לשון; זאל ער גיין עסן און שוין... ניין! אז עס גייט נישט דאס דאווענען, עס איז דא א שרץ קטן; וואס איז א שרץ קטן? אפילו א קליינער שרץ, א קליינע טומאה, אבער זי לאזט נישט דאווענען, האט ער נישט געשוויגן - עס איז א געוואלדיגער לשון!

---

[מט] עיין חיי מוהר״ן שכ״ט: ״וּפַעַם אַחַת עָמַדְתִּי לְפָנָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעֵת שֶׁבָּא אֵלָיו רַגְלִי הָאִישׁ הַנַּ״ל מִטִּירָאוִויצֶע, וְסִפֵּר לִי הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁבְּעֵת שֶׁצַּר לְזֶה הָאִישׁ הַנַּ״ל בַּעֲבוֹדַת ה׳, הוּא הוֹלֵךְ בְּרַגְלָיו מִשָּׁם לְכָאן. וְהֵבַנְתִּי שֶׁהוּטַב זֹאת בְּעֵינָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְאֹד. וְכֵן פַּעַם אַחַת נִפְטַר לְעוֹלָמוֹ אֶחָד מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים מִנֶּעמְרוֹב שֶׁהָיָה מִמְּקֹרָבָיו, וְסִפֵּר הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גַּם כֵּן בְּשִׁבְחוֹ וְאָמַר עָלָיו, שֶׁדַּרְכּוֹ הָיָה שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁהָיָה צַר לוֹ בְּאֵיזֶה דָּבָר בְּיַהֲדוּתוֹ, הָלַךְ בְּרַגְלָיו מִשָּׁם לְכָאן, אַשְׁרֵי לָהֶם״.

יעדער לשון - דאס איז דאך אלעס ברוח הקודש! אזעלכעס קען מען פאַרשטעלן? אזעלכע הייליגע לשונות קען מען פארשטעלן? דאס איז דאך א געוואלדיגער לשון! "מה עשה" - וואס האט דער מענטש געטוהן?! אז עס קומט א טומאה קלה און גייט אריין אין נאז אריין, ער לאזט אים נישט דאווענען, איז ער געגאנגען צום צדיק - ער זאל זעהן דעם צדיק.

דער איד איז אויך געגאנגען צופוס, ער איז געווען אַן ארעמאן, ער האט נישט געהאט אויף הוצאות, איז ער געגאנגען צופוס, ער האט געגעבן צדקה, וידוי דברים...

דאס איז דאך אלץ א סימן אז מיר גייען אין אזא מין חדר וואס דא איז נישט שייך צו זאגן, 'אז עס דאווענט זיך נישט, דאווענט זיך נישט' - ניין, דארף מען דאך זעהן 'פארוואס דאווענט זיך נישט? פארוואס דאווענט זיך נישט? פארוואס?!'.

❖

## "דיפעט אויף מיין כח!"

מיר האבן שוין כמה פעמים גערעדט, דער זוהר הקדוש זאגט[י], א קרבן - די כהנים האבן געגעסן דאס פלייש, דער מזבח האט געהאט דארטן די אימורים, און וואס האט דער אויבערשטער געהאט פון דעם קרבן? "ריח ניחוח לה'"! דער אויבערשטער האט דעם ריח ניחוח פונעם קרבן וואס עס גייט ארויף עפעס א נחת רוח פארן אויבערשטן, דאס האט דער אויבערשטער פון דעם קרבן.

יעדע מצוה איז אזוי, וואס איך טוה עפעס א זאך, איך דאוון, איך לערן, למעלה איז דא נאר דער ריח ניחוח, נאר דאס וואס איך האב עפעס א מין רצון דערצו, א

---

[י] עי' בזוה"ק פר' פנחס, רעיא מהימנא דף רכד:

תשוקה דערצו, א שמחה דערצו, דער רצון טוב וואס דער מענטש גיט ארויס פון דער זאך, דאס האט דער אויבערשטער דערפון, דער ריח ניחוח לה'[נא].

מיר דארפן זיך גוט איינ'חזר'ן, מיר דארפן נישט פארגעסן אז מיר האבן אזא גרויסן רבי'ן, ער איז אזא גרויסער בעל כח, ער האט געזאגט[נב]: **"דיפעט אויף מיין כח!"**. למשל, איינער וואס ער דארף גיין אין א מלחמה אריין אבער ער פילט אז ער האט נישט קיין גיבורים, פילט ער זיך שוואך, גייט ער נישט. (אבער דער רבי זאגט אונז:) **"דיפעט אויף מיין כח!" - 'איר מעגט גיין, האט נישט קיין מורא, גייט אין דער מלחמה אריין, האלט מלחמה מיט אים! איר האט א בעל כח וואס נעמט זיך אָן פאר אייך - דיפעט אויף מיין כח!'**

אמאל איז זיך מתגבר אויף א מענטש דארטן שלעכטע געדאנקען, שלעכטע מחשבות, שלעכטע זאכענישן, (טראכט ער פארצווייפלט:) 'וואס זאל איך טוהן? וואס זאל איך טוהן?!' - **ניין! דו האסט א רבי'ן א בעל כח גדול! דו מעגסט זיך פארלאזן אויף אים! טוה, טוה עפעס!** געוועגטליך (- פארשטייט זיך), ליגן מיט פארלייגטע הענט און זאגן 'דער רבי זאל טוהן פאר מיר' - דאס איז גארנישט...

אט דער דיבור: "דיפעט אויף מיין כח" איז פשט, איר קענט אנהויבן טוהן, איר האט א בעל כח גדול, איר וועט כובש זיין מלחמות, איר וועט כובש זיין, איר וועט כובש זיין, דיפעט אויף מיין כח!

---

[נא] עיין ליקוטי הלכות הל' ערב ה"ג, אות ב': "נִמְצָא, שֶׁתַּכְלִית כָּל הַמִּצְוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ כַּנַּ"ל, עִקַּר הַתַּכְלִית הוּא לִזְכּוֹת לְרָצוֹן בִּשְׁלֵמוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת כַּנַּ"ל, כִּי כָּל הַמִּצְוֹת אָנוּ עוֹשִׂין שֶׁיִּהְיֶה לְרָצוֹן לְפָנָיו, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, **"נַחַת רוּחַ לְפָנַי", שֶׁאָמַרְתִּי וְנַעֲשָׂה רְצוֹנִי**, הַיְנוּ שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי הַמִּצְוֹת לְהִכָּלֵל בָּרָצוֹן הָעֶלְיוֹן". גם עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת המזון ה"ד, אות כ': **"עִקַּר הַהִתְפָּאֲרוּת הוּא רַק מַה שֶּׁה' יִתְבָּרַךְ מִתְפָּאֵר עִם הָרָצוֹן וְהַחֵשֶׁק וְהַכִּסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה שֶׁל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל. מַה שֶּׁכָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לִבּוֹ בּוֹעֵר תָּמִיד בְּרָצוֹן חָזָק לִזְכּוֹת לַעֲבוֹדַת ה' בֶּאֱמֶת. וְזֶה עִקַּר הִתְפָּאֲרוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, כִּי הָעֲבוֹדָה בְּעַצְמָהּ אֵינָהּ יְקָרָה כָּל כָּךְ, כִּי הַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ".**

[נב] עיין עלים לתרופה במכתב מיום ב' שלח תר"ג: "וְעַל כֻּלָּם כֹּחוֹ הַגָּדוֹל שֶׁאֵינוֹ נִפְסָק לְעוֹלָם שֶׁאָמַר בְּפֵרוּשׁ לְהִשָּׁעֵן עַל כֹּחוֹ, **דּוּפִּיט אוֹיף מַיין כֹּחַ**. לוּלֵא כָּל זֹאת כְּבָר אָבַדְנוּ בְעָנְיֵנוּ וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי וְכוּ'. וּכְתִיב זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי". גם עיין שם במכתב מיום א' וירא תקצ"ג; ובמכתב מיום א' קרח תר"ג, ובעוד כמה מקומות.

אמאל איז זיך מתגבר עפעס א מידה רעה אויף א מענטשן - דאס ווייסט דאך יעדער איינער ביי זיך, דארף איך וויסן – 'איך האב א גרויסן רבי'ן, איך קען זיך אונטערנעמען מיט תפילה, בעטן דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער וועט מיר העלפן איך וועל כובש זיין דער מלחמה!'

וואס האט דער רבי געמיינט: "דיפעט אויף מיין כח" - וואס האט דער רבי געמיינט? ער האט נאר געמיינט אין די ענינים!

❖

## פרנסה, א טפל שבטפלים!

דער רבי איז געווען א רבי וואס מען האט זיך געשעמט אים צו בעטן א גשמיות'דיגע בקשה![נג] אפילו קינדער האט מען אויך נישט געבעטן דעם רבי'ן - ביי אונזערע לייט האט מען דאס אויך כמעט נישט געבעטן דעם רבי'ן, דאס האט אויך געהייסן 'גשמיות'[נד]. נאר דער תכלית! נאר אינזינען האבן דעם תכלית! תורה, תפילה, מצוות ומעשים טובים, נאר דאס האט מען געבעטן דעם רבי'ן!

---

[נג] עיין חיי מוהר"ן ר"מ: "שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת הָיָה אִישׁ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ קוֹבֵל לְפָנָיו מְאֹד עַל חֶסְרוֹן פַּרְנָסָתוֹ. אָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: **אֵינִי יוֹדֵעַ אֵיךְ יֵשׁ לָכֶם לֵב כָּזֶה לְבַלְבֵּל אוֹתִי בְּהַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה**, הֲלֹא אֲנִי דּוֹמֶה כְּמִי שֶׁהוֹלֵךְ יוֹמָם וָלַיְלָה בַּמִּדְבָּר, וְחוֹתֵר וּמְבַקֵּשׁ לַעֲשׂוֹת מִמִּדְבָּר יִשּׁוּב. כִּי בְּכָל אֶחָד מִכֶּם בְּלִבּוֹ מִדְבַּר שְׁמָמָה מֵאֵין יוֹשֵׁב, וְאֵין שָׁם מָדוֹר לַשְּׁכִינָה וַאֲנִי חוֹתֵר וּמְבַקֵּשׁ בְּכָל עֵת לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה תִּקּוּן וּמָקוֹם בִּלְבַבְכֶם לִהְיוֹת שָׁם מָדוֹר לַשְּׁכִינָה. הֲלֹא כַּמָּה יְגִיעוֹת צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת מֵאִילָן סְרַק עָב שֶׁקּוֹרִין דֶּמְבּ לַעֲשׂוֹת מִמֶּנּוּ כֵּלִים יָפִים וּרְאוּיִים לְתַשְׁמִישׁ אָדָם. כַּמָּה יְגִיעוֹת צְרִיכִין לָזֶה עַד שֶׁמְּסַתְּתִין אוֹתוֹ וּמְנַסְּרִין אוֹתוֹ וּמְתַקְּנִין אוֹתוֹ בְּמַעֲצָד וּבִשְׁאָר כֵּלִים הַצְּרִיכִין לָזֶה. כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ יְגִיעוֹת כָּאֵלּוּ צָרִיךְ אֲנִי לְיַגֵּעַ אֶת עַצְמִי עִם כָּל אֶחָד מִכֶּם לַעֲשׂוֹת עִמּוֹ אֵיזֶה תִּקּוּן. וְאַתֶּם מְבַלְבְּלִין אוֹתִי בַּהֲבָלִים כָּאֵלֶּה".

[נד] עיין סיפור פלא בשיחות הר"ן רנ"ג: "אִישׁ אֶחָד מֵחֲשׂוּכֵי בָּנִים, וְהָיָה מֵאַנְשֵׁי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וּפַעַם אַחַת הָיָה בְּבֵית רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְהָיָה יוֹם אֶחָד שֶׁנִּכְנְסוּ אֶצְלוֹ כַּמָּה חֲשׂוּכֵי בָּנִים וְשִׁחֲרוּ אוֹתוֹ שֶׁיַּעֲזֹר לָהֶם. וְנִכְנַס הָאִישׁ הַנַּ"ל מֵאֲנָשָׁיו גַּם כֵּן, **וּבִקֵּשׁ אוֹתוֹ גַּם כֵּן עֲבוּר בָּנִים**. הֵשִׁיב לוֹ: **מָה הָרַעַשׁ הַזֶּה? הֲלֹא עִקַּר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים מַעֲשִׂים טוֹבִים וְזֶהוּ הָעִקָּר, עַל כֵּן הָעִקָּר לְבַקֵּשׁ עַל יַהֲדוּת שֶׁתִּזְכֶּה לֵילֵךְ**

עס איז געווען אין ברסלב דער דייטשל. ער פלעגט ארבעטן אין דער מאגיסטראט (- שטאט-ראט), ער פלעגט שרייבן אום שבת און די הענט איז אים געווען פארשמירט מיט טינט. ער איז אריינגעקומען ביי רבי נתן'ען אין שול. ביי כתר האט ער אויפגעהויבן די הענט, האט מען אים געוואלט ארויסווארפן - 'ער הויבט נאך אויף די הענט? ער וויל מען זאל זעהן אז ער שרייבט אום שבת? פארוואס הויבסטו אויף די הענט? א מענטש - אזא עזות פנים!'

רבי נתן האט אבער געזאגט: "טשעפּעט אים נישט!". נאכדעם איז ער געווארן אזא מין מקורב דער דאזיגער. מען האט אים גערופן דער דייטשל.

האט מיר ר' אייזיק קראסינשטיין[נה] דערציילט, זיין טאטע ר' נחמן קראסינשטיין איז געווען א גביר, פלעגט מען זיך צונויפקומען ביי אים נאך הבדלה, ער פלעגט שטעלן א סאמאָוואר (- א פעסל הייסע וואסער), מיט א פושקע צוקער צו געבן א שטיקל צוקער פאר די ארעמעלייט, ער האט אפגעקאכט פאררויכערטע וואסער, א שיינער סאמאוואר - א שיינע גלאז טיי, און מען האט גערעדט פונעם רבי'ן!

ער (דער דייטשל) איז אויך געקומען, ער איז געווען נישט געזונט, איז ער געלעגן אויף אזא מין סאפע. רופט ער זיך אָן: "איך פאר שוין פערציג יאר צום רבי'ן אויף ראש השנה, האב איך נאך קיינמאל נישט געבעטן דעם רבי'ן אויף פרנסה! איך

**בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר** וְכוּ'. **בְּוַדַּאי אִם אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לְבָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת בְּוַדַּאי מַה טּוֹב. אֲבָל הָעִקָּר הוּא לָשׂוּם לֵב לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּי זֶה עִקַּר הַתּוֹלָדוֹת** וְכוּ' כַּנִּזְכָּר לְעֵיל. וּמֵאָז פָּסַק אוֹתוֹ הָאִישׁ הַנַּ"ל לְהַפְצִיר אוֹתוֹ עֲבוּר בָּנִים. וְהָלַךְ וְעָסַק רַק בַּעֲבוֹדַת ה' כְּדֶרֶךְ אַנְשֵׁי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אַחַר כָּךְ שׁוּב פַּעַם אַחַת הָיָה רַבֵּנוּ שָׁם וְנִכְנְסוּ גַּם כֵּן חֲשׂוּכֵי בָנִים אֶצְלוֹ וּבִקְּשׁוּ אוֹתוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֲבוּר בָּנִים. וְזֶה הָאִישׁ הַנַּ"ל שׁוּב לֹא פָּתַח פִּיו לְבַקֵּשׁ אוֹתוֹ עַל זֶה. וְהִתְחִיל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ, וְאָמַר לוֹ: **אַף עַל פִּי כֵן טוֹב שֶׁיִּהְיֶה לְךָ בָּנִים**. וְאָמַר לוֹ: **לֵךְ וְהָבֵא לִי מֵאָה רוּבְּל סוּג**. וְהָלַךְ מְהֵרָה וְהֵבִיא לוֹ. וּבְאוֹתוֹ הַלַּיְלָה הָיָה לֵיל טְבִילָה וְנִפְקְדָה אִשְׁתּוֹ וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן. יְהִי רָצוֹן שֶׁיִּזְכּוּ לְגַדְּלוֹ לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים אָמֵן".

[נה] ר' אייזיק קראסינשטיין. אביו ר' נחמן בן ר' משה העניע'ס (- מתלמידי רבינו), היה חתנו של ר' אהרן הרב דברסלב (עיין להלן).

ווייס נישט ווי מען שעמט זיך נישט צו קומען צום רבי'ן און בעטן אויף פרנסה; מער פעלט מיר נישט נאר פרנסה?!" - אט דאס איז דער דייטשל!

רבי נתן האט דאך געזאגט: "איבער צוויי מענטשן וועל איך זיך בארימען פארן כסא הכבוד וואס איך האב זיי געבראכט פארן אויבערשטן!" ער איז געווען איינע פון די צוויי.

דער אנדערער איז געווען פון בערלין דארט - דער בערלינער[נו].

א מענטש וואס ער שרייבט אום שבת און ער הויבט אויף די הענט אז מען זעהט ארויס די טינט זיינע, זעהט מען דאך ביי וואס ער האלט, זאל ער האבן אזא מין סארט געשמאקייט אינעם רבי'ן אז ער זאל זאגן פארן עולם (אזעלכע דיבורים)!? דארטן זענען דאך געזעצן נישט קיין סתם מענטשן, ברסלב איז געווען דער פאבריק פון אידישקייט, דארטן זענען געזעצן אידן יראים ושלימים - זאל ער זאגן פאר זיי אזא מין ווארט!?: "איך פאר שוין פערציג יאר צום רבי'ן - האב איך נאך קיינמאל נישט געבעטן אויף פרנסה! מיר פעלט נישט מער נאר פרנסה?!"

פרנסה איז געווען א טפל שבטפלים...

(ר' נחמן בורשטיין: כלפי וואס האט ער זיי עס געזאגט?) מען האט גערעדט פונעם תכלית פריער.

ר' נחמן קראסינשטיין האט געוואוינט אין ברסלב, ער איז געווען ר' משה העניעס[נז] א זון.

---

[נו] עיין הסיפור בשיש"ק (חדש) ח"ג, י"ג.

[נז] מתלמידי רביז"ל; מוזכר במכתבי רבינו הנדפס בריש עלים לתרופה.

ר׳ אייזיקל איז געווען ר׳ נחמן׳ס א זון. (ר׳ נחמן: ער האט געוואוינט אין אומאן?) אין אומאן און אין טעפליק. האט ער מיר דאס דערציילט, ער אליין האט דאס געהערט פונעם דייטשל אליין.

עס זענען געווען ביי אונז אזעלכע מענטשן וואס דער תכלית איז געווען אזוי מקושר אז עס האט זיך אליין ארויסגערעדט, עס איז נישט געווען סתם גערעדט, סתם געפלאפלט, דארטן זענען דאך געזעצן אידן, יראים וכשרים, ברסלב איז געווען א פאבריק פון אידישקייט, עס איז דאך געווען נישט לאנג פון רבי נתן׳ס הסתלקות, דארטן זענען געווען מענטשן...

❖

## "לחיים, מיר זאלן תשובה טוהן!"

אז אונזערע לייט פלעגן זיך צונויפקומען האט מען נישט גערעדט קיין אנדערע דיבורים נאר פונעם תכלית! איך געדענק, עס איז געווען אמאל א קידוש צו וואס, האט מען זיך געוואונטשן ׳לחיים׳: "דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן טוהן תשובה!" - אט דאס איז געווען דער וואונטש, דאס איז געווען דער וואונטש, ׳מיר זאלן טוהן תשובה, נישט אוועקגיין אָן קיין תשובה!׳ דער תכלית איז געווען אזוי מקושר אין יעדן איינעם.

דאס איז דאך באמת דער גרעסטער וואונטש!

**אמאל איז געווען אַן עבודה, עס איז געווען א זאך - ׳זיך צונויפקומען און רעדן פונעם רבי׳ן!׳**

דער שווער ע"ה - ר׳ אהרן קיבליטשער, איז געווען א גרויסער עובד ה׳, ער איז נפטר געווארן פ"א [- עס איז שוין 56 יאר]. און עס איז געווען ר׳ חיים קיבליטשער. זיי זענען געווען צוויי צדיקים, צוויי עובדי ה׳, יעדער איינער האט געדינט דעם אויבערשטן. אז זיי זענען געווען ביידע אין קיבליטש, איז אמאל דער שווער געגאנגען

צו ר' חיים'ען, און אמאל איז ר' חיים געגאנגען צום שווער. איי, פארוואס דארפן זיי גיין? 'דו' דינסט דאך דעם אויבערשטן ביי זיך אין שטוב, און 'דו' דינסט דאך דעם אויבערשטן 'דארטן', פארוואס דארף גיין דער צו דעם און דער צו דעם? נאר מען איז געגאנגען רעדן פונעם רבי'ן! עס איז געווען אַן עבודה - רעדן פונעם רבי'ן!

(ר' נחמן: אלע טאג?) זיי זענען נישט געווען תמיד ביידע אין קיבליטש, אבער ווען זיי זענען געווען ביידע אין קיבליטש, איז ער געגאנגען צו אים און ער צו אים!

❖

## פארמאכט דער קלייט, און גערעדט פון רבי'ן

ר' נחום קאהן'ס[נח] קינדער האבן מיר דערציילט [- זיינע קינדער האב איך געקענט, זיי האבן געוואוינט אין טעפליק - איך האב דאך געוואוינט פיר יאר אין טעפליק], ביי אים איז געווען דארטן (א צוזאמקום). ער איז דאך געווען א פארמעגליכער, א גביר. בייטאג פון צוויי ביז פיר זענען זיי זיך צונויפגעקומען ביי אים אין קלייט, מען האט פארמאכט דער קלייט - פארמאכט דער טיר פון אינדרויסן, און געזעצן צוויי שעה אין קלייט און גערעדט פונעם רבי'ן אלע טאג... זיין פאמיליע נאמען איז געווען 'קאהן', זיי זענען געווען כהנים. ר' אלטר טעפליקער איז אויך געקומען צו נחום קאהן אין קלייט אריין.

(ר' נחמן: ווער איז געווען ר' וואלף'טשע - ער איז אויך געווען אין טעפליק?) יא, אויך אין טעפליק, איך האב אים געקענט[נט]. (ר' נחמן: ער איז אויך געווען פון די חבורה?) מסתמא איז ער אויך געווען אז מען איז זיך צונויפגעקומען, ער איז געווען אַן עובד ה'.

❖

[נח] בן ר' שלמה נתן מתלמידי מוהרנ"ת בן לאחד מתלמידי רביז"ל. (שיש"ק ח"ה, רפ"ה)

[נט] עיין שיש"ק ח"ה, רפ"ד.

# איין הרהור ווינציגער

דאס רעדן אליין פונעם רבי'ן, רעדן פונעם רבי'ן אליין, דאס איז א געוואלדיגע זאך, דאס גיט אריין אין א מענטשן א הרהור תשובה! צוליב א הרהור תשובה איז כדאי און כדאי - זיין אין דער וועלט צוליב נאך א הרהור תשובה!

דו געדענקסט, עס איז דא א הלכה, אין הלכות שלוחין[ס], זאגט רבי נתן דארטן: **"עס איז כדאי אלע מיני עבודות אז מען זאל קומען דארטן מיט א הרהור ווינציגער!"** האט רבי אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: **"בפרט מיט א הרהור תשובה מערער!"**[סא]. איז דאך כדאי צו מאכן אפילו נסיעות צו האבן נאך א הרהור תשובה![סב]

---

[ס] ה"ג, אות ל"ג, וזל"ש: **"וְרָאוּי לְהָאָדָם הַבַּר דַּעַת שֶׁיִּהְיֶה מְרֻצֶּה, שֶׁאֲפִלּוּ אִם לֹא יִפְעֹל בְּכָל עֲבוֹדָתוֹ וְטָרְחוֹ וִיגִיעוֹ, רַק שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל פַּעַם אַחַת מֵאֵיזֶה עֲבֵרָה גְּמוּרָה אוֹ הִרְהוּר אוֹ תַּאֲוָה כָּל יְמֵי חַיָּיו, דְּהַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי עֲבוֹדָתוֹ וּתְפִלָּתוֹ וְהִתְבּוֹדְדוּתוֹ וְכוּ' יִזְכֶּה שֶׁבְּסוֹף יָמָיו יִהְיֶה לוֹ נֶחְסַר וְנִפְחַת עֲבֵרָה אַחַת, הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי עֲבוֹדָתוֹ זָכָה שֶׁעַכְשָׁו יֵשׁ לוֹ עֲבֵרָה אַחַת פְּחוּתָה מֵחֶשְׁבּוֹן עֲווֹנוֹתָיו מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹ אִם לֹא הָיָה חוֹתֵר וּמִתְפַּלֵּל לְהִנָּצֵל מֵהֶם גַּם זֶה הָיָה כְּדַאי לוֹ"**.

[סא] עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ד, אות ג' (ע"פ משיבת נפש אות קכ"ח): "צָרִיךְ כָּל אָדָם לֵידַע, **שֶׁחוּט הַשַּׂעֲרָה יָקָר מְאֹד מְאֹד וְהוּא תָּלוּי בְּכָל עֵת בְּחוּט הַשַּׂעֲרָה**. שֶׁיָּכוֹל הָאָדָם לְקַלְקֵל הַרְבֵּה עַל יְדֵי חוּט הַשַּׂעֲרָה חַס וְשָׁלוֹם, **וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁיָּכוֹל לְתַקֵּן הַרְבֵּה עַל יְדֵי חוּט הַשַּׂעֲרָה, כִּי מִדָּה טוֹבָה מְרֻבָּה מִמִּדַּת פֻּרְעָנִיּוֹת, כִּי חוּט הַשַּׂעֲרָה בִּקְדֻשָּׁה יָקָר מְאֹד מְאֹד** ... אַךְ מִדָּה טוֹבָה מְרֻבָּה כִּי חוּט הַשַּׂעֲרָה דִּקְדֻשָּׁה יָקָר מְאֹד מְאֹד, וְעַל כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לֵידַע גַּם הַהֵפֶךְ, שֶׁכְּשֶׁמִּתְגַּבְּרִים עָלָיו מְאֹד וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁכְּבָר נִתְעָה כָּל כָּךְ עַד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לַעֲמֹד נֶגְדָּם, צָרִיךְ לֵידַע וּלְהַאֲמִין שֶׁכָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שֶׁיְּנַתֵּק וְיַמְשִׁיךְ אֶת עַצְמוֹ מֵהֶם אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה הוּא יָקָר מְאֹד בְּעֵינָיו יִתְבָּרַךְ בְּלִי שִׁעוּר.

"**וְעַל כֵּן חָמֵץ בְּפֶסַח בְּמַשֶּׁהוּ**, כִּי אִיתָא שֶׁחָמֵץ הוּא בְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת שֶׁמִּשָּׁם אֲחִיזַת הַסִּטְרָא אָחֳרָא. וּמַצָּה הִיא מֹחִין דְּגַדְלוּת שֶׁעַל יָדָם מַשִּׂיגִין אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, עַל כֵּן צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ, כִּי הַשְּׁמִירָה מִמֹּחִין וְשִׂכְלִיּוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא שֶׁהֵם בְּחִינַת חָמֵץ וְלִזְכּוֹת לְמֹחִין דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהֵם בְּחִינַת הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת, שֶׁהֵם בְּחִינַת מַצָּה, **הַכֹּל תָּלוּי בְּמַשֶּׁהוּ בִּבְחִינַת חוּט הַשַּׂעֲרָה** שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִים הַצִּמְצוּמִים וְהַשִּׂכְלִיִּים הַנַּ"ל שְׂעָרוֹת וְכַנַּ"ל".

[סב] עי' חיי מוהר"ן אות תקמ"ג: "וּרְצוֹנוֹ הָיָה אֲפִלּוּ לְדַבֵּר עִם בְּנֵי הָעוֹלָם שִׂיחוֹת חֻלִּין בְּעִסְקֵי הָעוֹלָם, אוּלַי יִצְמַח וְיִתְגַּלְגֵּל מִזֶּה דִּבּוּרִים שֶׁיְּעוֹרְרוּ אוֹתָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **וַאֲפִלּוּ אִם לֹא יִפְעַל כִּי אִם תְּנוּעָה בְּעָלְמָא,**

ברוך השם, אונזערע לייט פלעגן זאגן: "**דער רבי האט גע'פועל'ט ביים אויבערשטן, אז מען רעדט פון אים האט מען א הרהור תשובה!**"

אז מען רעדט פונעם רבי'ן האט מען א הרהור תשובה!

(ר' נחמן: וואס האט דער רבי געזאגט: "אז מען דערמאנט זיך אין מיר איז מען כקטן שנולד"?) **יא** יא, אזוי האט דער רבי געזאגט: "**ווען מען דערמאנט זיך אין מיר איז מען כקטן שנולד!**". 'אז מען דערמאנט זיך אין מיר', דאס הייסט, 'אז מען רעדט פון מיר'.

וואס הייסט 'כקטן שנולד'? א מענטש, אַה - (אז ער גערענקט) פונעם אויבערשטן, דאס איז ממש א נייע לידה, עס איז א נייע לידה, מען ווייסט גארנישט דאס גרויסקייט דערפון!

אין תיקונים שטייט[סג]: "שמע" מאכט ( - ר"ת) **ש'או מ'רום ע'יניכם** - הויב אויף די אויגן צום אויבערשטן! אט דאס איז דער עיקר קבלת עול מלכות שמים, אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן.

עס שטייט טאקע אין דער תורה פון חצות[סד] : "ובבוקר טוב להסתכל על השמים". דער רבי זאגט, "חצות"; "ובבוקר" איז גוט צו קוקן אויפן הימל.

(השואל: וואס האט דער רבי געוואלט מיט דעם זאגן, 'ווען מען דערמאנט זיך אין מיר איז מען כקטן שנולד'?) וואס האט דער רבי געוואלט? (אחד הנוכחים: מיט א התחדשות!) אוודאי, וואס דען? דאס הייסט כקטן שנולד, א נייע לידה![סה]

---

שֶׁיִּכָּנֵס בָּהֶם אֵיזֶה **הִרְהוּר תְּשׁוּבָה** אוֹ הִתְעוֹרְרוּת לְפִי שָׁעָה, **גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד**, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁיָּכוֹל לִהְיוֹת שֶׁבִּרְבוֹת הַיָּמִים, כְּשֶׁיְּדַבֵּר עִמָּהֶם וְיַחֲזֹר וִידַבֵּר, אוּלַי יִזְכֶּה לְעוֹרְרָם בֶּאֱמֶת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְקָרְבָם לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה ... **וְגַם הָיָה רְצוֹנוֹ שֶׁיִּסְעוּ נְסִיעוֹת בִּשְׁבִיל זֶה כְּדֵי לְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם**".

[סג] תיקון מ"ט, עפ"י הכתוב בישעי' מ' כ"ו.

[סד] ליקוטי מוהר"ן סימן קמ"ט.

[סה] עיין ליקוטי הלכות הל' מילה ה"ד, י"ז-י"ח.

אין תורה ל"ו[סו] זאגט דער רבי בפירוש אז עבודת ה' איז א נייע לידה, א התגלות איז א בחינת לידה, ממש אזוי ווי א קטן שנולד, א נייע זאך, דער עיבור איז געווען נעלם - און עס איז ארויס א לידה, דאס הייסט 'כקטן שנולד'.

אז א מענטש ווערט נתעורר צו תשובה און ער גייט און ער רעדט א דיבור צום אויבערשטן און ער האט נאך א טרער, איז ער דאך ממש א נייער מענטש, כקטן שנולד!

(ר' נחמן: מען פלעגט זאגן: 'ווען מען דערמאנט זיך אין מיר ווערט מען א בריה חדשה!'; איר האט נישט געהערט אזא לשון?) איך האב געהערט 'כקטן שנולד'; די כוונה איז איין כוונה.

❖

## ביי ווען מען איך נעם - גיב איך!

דער רבי רעדט ווייטער וועגן צדקה[סז] (אז איינער האט זיך בארימט:) "ביי ווען מען איך נעם - גיב איך; נמצא, בין איך א בעל צדקה. האב איך אים געפרעגט: 'וויפיל גיסטו?' האט ער געזאגט: 'מעשר'. [האב איך אים געזאגט:] 'קענסטו נאכנישט היילן די בת מלכה!'". עס קומט פון דאנעט אויס, דער אמת דארף אזוי זיין, אז מען גיט מיר עפעס, דארף איך יענעם געבן צוריק.

---

[סו] אות א', וזל"ש (ע"פ קיצור ליקו"מ): "**וְהִתְגַּלּוּת בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הִיא בְּחִינַת לֵדָה**, שֶׁיִּזְכֶּה לָזֶה עַל־יְדֵי שִׁבְעִים קוֹלוֹת הַנַּ"ל, שֶׁיִּצְעַק עַד שֶׁיְּרַחֵם עָלָיו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְיִזְכֶּה לְהִתְגַּבֵּר וּלְשַׁבֵּר כָּל הַתַּאֲווֹת". עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, ז'.

[סז] וזל"ש: אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט, עֶר הָאט אַזוֹי אַ כֹּחַ אִין דִי הֶענְט אַז בַּיי וֶועמֶען עֶר נֶעמְט - גִיט עֶר! (כְּלוֹמֶר מִיט דֶעם וָואס עֶר נֶעמְט בַּיי אֵיינֶעם עֶפֶּעס, דֶערְמִיט אַלֵיין גִיט עֶר יֶענֶעם). מֵיילֶא אִיז עֶר אַ בַּעַל צְדָקָה. הָאבּ אִיךְ אִים גִיפְרֶעגְט: וָואס פַּאר אַ צְדָקָה גִיסְטוּ? הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט, עֶר גִיט מַעֲשֵׂר. הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן: אַז סֶע אִיז אַזוֹי, קָאנְסְטוּ נִיט הֵיילִין דִי בַּת מַלְכָּה, וָוארִין דִי קָאנְסְט גָאר צוּ אִיר אָרְט נִיט קוּמֶען, (וַוייל דוּ גִיסְט נָאר מַעֲשֵׂר) וָוארִין דוּ קָאנְסְט מֶער נִיט אַרַיין גֵיין נָאר אִין אֵיין מוֹיעֶר (דָארְט ווּי דִי בַּת מַלְכָּה זִיצְט), אִיבֶּער דֶעם קָאנְסְטוּ צוּ אִיר נִיט קוּמֶען.

דער רבי ברענגט אין תורה ל"א (אות ב') די גמרא[סח]: "יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם בעל הבית" - מער וויפיל דער בעל הבית גיט דעם ארעמאן, גיט דער ארעמאן צוריק דעם בעל הבית - מער. וואס גיט דער בעל הבית דעם ארעמען? ער גיט אים דארט (נאר אביסל געלט); דער עיקר, דער ארעמאן דארף אים געבן מער.

אז דער אויבערשטער גיט אונז א כזית ברויט, דארף מען אים געבן פיר ברכות - א בענטשן. אז דער אויבערשטער גיט עפעס, וויל ער - 'גיט מיר קריק!' נמצא איז ער א בעל צדקה, סיי ער נעמט און ער גיט, אט דאס הייסט א בעל צדקה[סט].

❖

## רבי נתן האט זיך צעוויינט

"און איך האב דערויף א הסכמה פון דעם וואסעריגן שלאס: 'ווארין אמאל זענען מיר געזעצן אין איינעם'". דער רבי רעדט אלץ דא ווי יעדער האט זיך בארימט מיט זיינע כוחות, און ער האט אלץ געפרעגט צו יעדן איינעם: "וואס קענסטו?" - "דאס און דאס" - "קענסטו נאכנישט היילן די בת מלכה" "קענסטו נאכנישט היילן די בת מלכה".

---

[סח] ויקרא רבה לד, ח.

[סט] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש השנה ה"ו, אות י': "כִּי בֶּאֱמֶת הַכֹּל מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, כִּי מִמְּךָ הַכֹּל וּמִיָּדְךָ נָתַנּוּ לָךְ וְכוּ'. אַךְ אַף עַל פִּי כֵן צְרִיכִין עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא, כִּי כָּל הָעוֹלָם עִם כָּל הָעוֹלָמוֹת עַד אֵין מִסְפָּר הַתְּלוּיִים בְּזֶה הָעוֹלָם בְּזֶה הָאָדָם הַכֹּל נִבְרָא רַק בִּשְׁבִיל זֶה כַּיָּדוּעַ. וּכְלָל דְּאִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא הוּא בְּחִינַת צְדָקָה שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲשִׂיָּה, בְּחִינַת יָדַיִם, בְּחִינַת מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה, בְּחִינַת פָּתוֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לוֹ. **וְעִקַּר הַצְּדָקָה הוּא כְּשֶׁזּוֹכִין לִתֵּן לְזֶה שֶׁמְּקַבְּלִין מִמֶּנּוּ שֶׁהוּא זֶה שֶׁהִתְפָּאֵר שֶׁהוּא עִקַּר הַבַּעַל צְדָקָה שֶׁכָּל מִי שֶׁמְּקַבֵּל הוּא נוֹתֵן לוֹ וְכוּ'**, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, **יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁבַּעַל הַבַּיִת עוֹשֶׂה עִם הֶעָנִי**, הֶעָנִי עוֹשֶׂה עִם בַּעַל הַבַּיִת. **אֲבָל צְרִיכִין לְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְאֹד וּלְהַרְבּוֹת בִּצְדָקָה מְאֹד מְאֹד לְשֵׁם שָׁמַיִם עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִמְצֹא עָנִי הָגוּן כָּזֶה**".

**דערנאך דערציילט דער רבי א מעשה, א מלך האט זיך פארליבט אין א בת מלכה, ער זיך פארקאכט אין א בת מלכה. די 'בת מלכה' מיינט מען 'נשמות ישראל', אידן ווערן אנגערופן 'בת מלכה'. און דער מלך, וואס דאס איז דער יצר הרע, האט זיך פארליבט אין דער נשמה; איי, ער האט דאך אסאך? נאר עס שטייט דאך שוין אין גמרא[ע], "כי הגדיל לעשות"[עא] - ער לאזט אפ די גאנצע וועלט און ער נעמט זיך גאר צו די אידן, און ער לאזט אפ אלע אידן און נעמט זיך צו די תלמידי חכמים[עב].**

**"האט ער זי געכאפט צו זיך".**

**זאגט דער רבי דארט: "אמאל האט זיך אים גע'חלומ'ט אז זי וועט אויפשטיין און זי וועט אים הרג'ענען. האט ער געטראכט וואס ער זאל טוהן; זאל ער איר האלטן ביי זיך – וועט דאך מקויים ווערן דעם חלום, זי וועט אים הרג'ענען. זאל ער איר אפלאזן - דאס פארדריסט אים זייער, אזוי פיל האט ער געהארעוועט ארום איר ביז ער האט איר ארייגעכאפט. און דערצו, קען זי קומען צו אַן אנדערן, קען זי אים גיבער הרג'ענען". זאגט דער רבי: "דערווייל איז די אהבה קאליע געווארן, ביז עס איז געווארן א שנאה".**

**אונזערע לייט פלעגן זאגן: דער בעל דבר האט אזא מין כח, ער קען געבן איינעם געלט אויך, ער קען אים מאכן געזונט, ער קען אים מאכן אַן ארעמאן אויך, ער קען**

[ע] עי' גמ' סוכה נב.

[עא] יואל ב, כ.

[עב] עיין ליקוטי הלכות הל' תולעים ה"ד, אות ב', ושם בא"ד: "וְהוּא צִוָּה לִירוֹת אוֹתָהּ בְּכָל הָעֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים. **זֶה בְּחִינַת עֹצֶם הַהִתְגַּבְּרוּת וְהַהִתְגָּרוּת שֶׁהוּא מִתְגָּרֶה בְּיוֹתֵר בְּתַלְמִידֵי חֲכָמִים הָעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה שֶׁעֲלֵיהֶם מִתְגַּבְּרִים הַמְּצוּלוֹת יָם בְּיוֹתֵר, כַּיָּדוּעַ**, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שֶׁהוּא מַנִּיחַ כָּל הָעוֹלָם וְאֵינוֹ מִתְגָּרֶה אֶלָּא בְּיִשְׂרָאֵל. וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁמַּנִּיחַ כָּל יִשְׂרָאֵל וְאֵינוֹ מִתְגָּרֶה אֶלָּא בְּתַלְמִידֵי חֲכָמִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "כִּי הִגְדִּיל לַעֲשׂוֹת", שֶׁפָּשַׁט יָדוֹ בַּגְּדוֹלִים. וְזֶהוּ בְּחִינַת כָּל הָעֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים שֶׁזָּרַק לְהַבַּת מֶלֶךְ שֶׁבָּרְחָה לְתוֹךְ הַחוֹמוֹת שֶׁל מַיִם, הַיְנוּ שֶׁזָּרַק בָּהּ כָּל מִינֵי אַרְסִיִּים רָעִים שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְהִתְגַּבֵּר בְּכָל כֹּחוֹתָיו בְּכָל בְּחִינַת הָעֲשָׂרָה כִּתְרִין דִּמְסָאֲבוּתָא כְּנֶגֶד הַנֶּפֶשׁ שֶׁל הַתַּלְמִיד חָכָם הַבּוֹרַחַת לְתוֹךְ הַתּוֹרָה" וכו' עיין שם.

אים מאכן קראנק ל"ע, מען האט אים געגעבן כוחות פון אויבן, נאר וואס דען, "אך את נפשו שמור"[עג], אבער ער האט געוואלדיגע כוחות.

רבי נתן האט זיך אמאל צעוויינט אויף דער גרויסקייט פונעם יצר הרע, וואספארא כח ער האט, וואספארא כח מען האט אים געגעבן פון אויבן! דערפאר טאקע, די צדיקים האבן געהאט געוואלדיגע מלחמות! ווער שמועסט נאך, טאמער האנדלט ער מיט א נשמה וואס די נשמה איז אזא גרויסער בעל כח, גיט מען אים נאך גרעסערע כוחות צו גיין קעגן אים, גייט ער טאקע אין מלחמה.

(ר' נחמן: עס האט א שייכות מיט די שיחה, "הללו בוכים והללו בוכים", אז די צדיקים זענען גערעכט אז אינ'אמת'ן איז דער יצר הרע 'כהר'?) יא, אוודאי האט עס א שייכות[עד].

❖

## "און איך הייל זי"

זאגט דער רבי דא: "ביז עס איז געווארן א שנאה". פריער איז נאר געווען, עס איז קאליע געווארן די אהבה - ער האט שוין נישט געהאט די אהבה; אז ער זעהט אז זי טראכט גאר אויף אים צו אים הרג'ענען, האט ער שוין נישט די אהבה. ביז עס איז געווארן א שנאה - נישט אזוי גיך ווערט א שנאה.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל'[עה], צו צוקומען צו דעם שכל תחתון, דארף ער פיינט האבן געלט 'בתכלית השנאה'. עס איז פארהאן אמאל איינער וואס האט א

---

[עג] פסוק הנאמר באיוב (ב, ו-ז) כשהשי"ת נתן רשות להשטן לנסותו: "וַיֹּאמֶר ה' אֶל הַשָּׂטָן הִנּוֹ בְיָדֶךָ אַךְ **אֶת נַפְשׁוֹ שְׁמֹר** [- שלא תצא. רש"י]. וַיֵּצֵא הַשָּׂטָן מֵאֵת פְּנֵי ה' וַיַּךְ אֶת אִיּוֹב בִּשְׁחִין רָע מִכַּף רַגְלוֹ וְעַד קָדְקֳדוֹ" וכו' עיין שם.

[עד] עיין שיש"ק החדש ח"ג שיחה קפ"ו: לענין שאמרו חז"ל (סוכה נב.) "צדיקים נדמה להם יצר הרע כהר, ורשעים נדמה להם כחוט השערה" - אמר מוהרנ"ת שהאמת הוא עם הצדיקים, אלא הרשעים מחמת שלא עמדו בנסיון, על כן נדמה להם היצר הרע כחוט השערה, אולם אליבא דאמת דומה יצר הרע כהר ממש.

[עה] אות ד'.

מידה - און ער דערוויטערט זיך דערפון, אבער פיינט האבן די שלעכטע מידה 'בתכלית השנאה' - דאס איז שוין אנדערע ווערטער.

'ביז עס איז געווארן א שנאה' - זי האט באקומען א שנאה צו אים, און ער צו איר. איז זי אנטלאפן, און זי האט זיך געדרייט ביי דעם וואסעריגן שלאס. אונזערע לייט פלעגן זאגן[עו]: דער וואסעריגער שלאס, דאס איז טאקע די תורה הקדושה, "כל צמא לכו למים"[עז]. א שלאס איז א מבצר, א מין קרעפאסט דאס איז א שלאס, א פעסטונג פון וואסער. ווי קען זיין א פעסטונג פון וואסער, מען קען דען מאכן א פעסטונג פון וואסער? נאר דאס מיינט מען 'מסירת נפש', אז דער מענטש גייט אריין אין דער זאך איז דאס ממש אזוי ווי איינער גייט אריין אין א וואסער אריין.

אידן זענען געשטאנען ביים ים, ביי קריעת ים סוף - רבי נתן רעדט דאס אין דער הלכה[עח], אבער אונטן שטייט פרעה; עס איז בעסער דערטרונקען צו ווערן ווי איידער רחמנא ליצלן ער זאל מיך כאפן - איך זאל ווערן געכאפט ביי אים אין זיינע הענט.

דאס איז טאקע ממש א פעסטונג אזוי ווי א וואסער. דער בעל דבר שטעלט אזוי צו (אז ער גיט אים צו שפירן) - 'אט ווערסטו דערטרונקען'. אבער אז מען האט טאקע די מסירות נפש, גייט זי דורך (אלע טויערן). און זי איז געבליבן חלשות.

"און איך הייל זי" "און איך הייל זי".

ווער איז דער 'איך'? ווער איז דער 'איך' וואס היילט זי? דאס איז דער דאזיגער צדיק, דאס איז דער בעטלער וואס ער קען די אלע ניין וואס קיינער קען נישט, די אלע וואס קיינער קען נישט - קען ער יא, ער קען זי היילן.

---

[עו] עיין ליקוטי הלכות הל' תועלים ה"ד, אות ב'.

[עז] ישעי' נה, א.

[עח] עיין ליקוטי הלכות שם, אות ד': "**וְזֶה בְּחִינַת קְרִיעַת יַם סוּף**, בְּחִינַת וְהַמַּיִם לָהֶם חוֹמָה שֶׁנִּמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הָעֶשֶׂר חוֹמוֹת הַנַּ"ל, כִּי כְּלַל יִשְׂרָאֵל הֵם בְּחִינַת בַּת מֶלֶךְ הַנַּ"ל מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה שֶׁכְּלוּלָה מִנַּפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל. וּלְקָחָהּ הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל בְּחִינַת פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם. וְכֹחוֹ מֵהַשַּׂר שֶׁלּוֹ שֶׁהוּא הַס"ם, שֶׁהוּא שַׂר שֶׁל מִצְרַיִם כַּמּוּבָא", וכו' עיין שם.

טאקע נעכטן האבן מיר אביסל גערעדט נאכן דאווענען, אין א הלכה דארט אויף בין המצרים, רעדט דארטן רבי נתן'ען[עט]: "חטאו בעין, לקו בעין, חטאו באף, לקו באף". רעדט ער דארטן אינמיטן אזא לשון[פ]: דער צדיק - מכף רגל עד ראש האט ער נישט אין זיך קיין שום חסרון, לא טָעם טעם חטא, ממילא קען ער זיך פארענען מיט דער נשמה וואס האט נישט קיין איין גאנצן איבר, "מכף רגל ועד ראש אין בו מתום" - ווייל ער איז אזוי גאנץ, ער איז אזוי ריין[פא].

'שלא טעם טעם חטא כל ימיו' - ער איז דאך גאנץ 'מכף רגל עד ראש', דערפאר קען ער זיך פארען מיט אזעלכע נשמות וואס האבן אין זיך קיין איין גאנצן אבר נישט. די דאזיגע בת מלך וואס מען האט אין איר אריינגעשאסן אלע צען ערליי סמים און פיילן[פב] - "איך הייל זי".

רבי נתן זאגט אין דער הלכה[פג]: "איך הייל זי", איז נישט פשט ער היילט זי אויס און שוין, פערטיג, נאר ער מוז היילן עד ביאת משיח; ביז עס וועט זיין "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" איז ער אלץ עוסק און ער היילט די נשמה.

---

[עט] ליקוטי הלכות הל' מצרנות ה"ד, ו'-ט'.

[פ] עיין שם סוף אות ט'.

[פא] עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות נ"ב: "הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים הַנּוֹרָאִים הֵם תָּמִיד בִּבְחִינַת בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה אַף עַל פִּי **שֶׁלֹּא טָעֲמוּ שׁוּם טַעַם חֵטְא חַס וְשָׁלוֹם מֵעוֹלָם**. כִּי הֵם עוֹשִׂים תְּשׁוּבָה בְּכָל פַּעַם עַל הַשָּׂגָתָם הָרִאשׁוֹנָה כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ (בְּסִימָן ו). וְגַם עַל פִּי רֹב הֵם יוֹרְדִים בְּכַוָּנָה לִמְקוֹמוֹת נְמוּכִים מְאֹד מְאֹד בִּשְׁבִיל לְהַעֲלוֹת הַנְּפָשׁוֹת מִשָּׁם לְהַחֲזִירָם בִּתְשׁוּבָה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁאָמַר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וַאֲנִי יָדַי מְלֻכְלָכוֹת בְּדָם וְכוּ' בִּשְׁבִיל לְטַהֵר וְכוּ'. **וּבְכֹחַ אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים יֵשׁ תִּקְוָה לְכָל מִי שֶׁיֹּאחַז בָּם, שֶׁיַּעֲלֶה מֵעֹמֶק יְרִידָתוֹ לַעֲלִיָּה גְּדוֹלָה** וְכוּ' כַּנִּזְכָּר לְעֵיל".

[פב] עיין ליקוטי הלכות הל' תולעים ה"ד, ד': "וּמִזֶּה בָּאִים כָּל הַחוֹלַאַת שֶׁל כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בְּגָלוּתָהּ, שֶׁצּוֹעֶקֶת, "סַמְּכוּנִי בָּאֲשִׁישׁוֹת רַפְּדוּנִי בַּתַּפּוּחִים כִּי חוֹלַת אַהֲבָה אָנִי". בְּחִינַת וִידוּעַ חֹלִי, בְּחִינַת **מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ אֵין בּוֹ מְתֹם פֶּצַע וְחַבּוּרָה** וְכוּ', **שֶׁכָּל אֵלּוּ הַחוֹלַאַת נִמְשָׁכִין מֵהָעֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים** שֶׁהֵם כְּלַל כָּל הַכֹּחוֹת שֶׁל הַקְּלִפּוֹת וְחֵילוֹת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁזּוֹרְקִין אֶרֶס חִצֵּיהֶם לְנַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל, שֶׁמִּשָּׁם בָּאִין כָּל הַכְּפִירוֹת וְהַסְּפֵקוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת וְכָל הַמָּסַכִים וְהַמַּפְסִיקִים וְהַמְעַכְּבִים מִלְּהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ. הֵן כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָטִיּוּת הֵן בִּכְלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל מַה שֶּׁהַגָּלוּת מִתְאָרֵךְ כָּל כָּךְ, הַכֹּל נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הָעֲשָׂרָה מִינֵי חִצִּים הַנַּ"ל".

[פג] שם אות ח'.

ער זאגט טאקע דארטן[פד], דער מלך איז געווען פרעה, און די אידן זענען אריין אין וואסער אריין, און זיי (- די מצרים) זענען אלע דערטרונקען געווארן. פרעגט ער די קשיא דארטן, אז זיי זענען אלע דערטרונקען געווארן און ער היילט זי, פארוואס טאקע איז געווען אין דער מדבר אז די אידן האבן געהאט אזוי פיל מיני נסיונות - "וילונו" "וילונו"? זאגט ער דארטן, ווייל אין מצרים איז געווען א געוואלדיגע אפיקורסות, האט ער אריינגעשאסן די פיילן אין די אידן אריין, איז כאטש ער איז טאקע דערטרונקען געווארן און די אידן זענען ארויס, אבער דער סם איז געבליבן. די צדיקים זענען עוסק ארויסצונעמען די סמים וואס די מצרים האבן אריינגעווארפן אין אידן.

"און איך הייל זי, און איך הייל זי" - טאקע נאר ער קען איר היילן. דער בעטלער אָן הענט האט אליין געזאגט: "אויב אזוי קענסטו נישט היילן די בת מלכה". כאטש זיי זענען געווען גרויסע צדיקים, זיי האבן זיך בארימט אלע, נישט סתם קיין מענטשן בארימען זיך אזוי, דא רעדט זיך פון צדיקים, עס איז טאקע אלע צדיקים, אבער 'היילן די בת מלכה' וואס דאס איז פשט אויסצוהיילן אלע מיני פיילן וואס מען שיסט אין איר אריין, דאס קענט איר נישט, איר קענט נאר אויסהיילן 'די' סארט, 'די' סארט, אבער איינער וואס האט אַן אנדער סארט - דאס קענסטו שוין נישט, אבער זיי זענען געווען צדיקים, דארפן זיי האבן אלע א ביטול צו דעם וואס ער קען יא, און ער וועט זיי אויך שיקן - 'גייט היילט', אבער איר זאלט וויסן אז איר מוזט אנקומען צו מיר, ווייל איר האט נישט אין זיך די אלע כוחות.

דער אמת'ער צדיק דארף האבן אזא מין כח אז עס זאל נישט זיין קיין שום חוטא ופושע וואס ער זאל איר נישט קענען אויסהיילן, סיידן אז ער איז א מומר, וואס ער וויל גארנישט, אבער אז ער ווייזט נאר א 'חודו של מחט', עפעס א ריח פון תשובה, היילט ער אים שוין אויס, קען ער אים שוין אויסהיילן, ער קען ארויסציען קריק די פיילן וואס האט אים שוין געטראפן!; וואספארא מין פייל? אלע מיני פיילן!

❖

[פד] שם אות ד'.

## "סוֹד מַעֲשֶׂה זוֹ נֶעְלָם מִכָּל הָעוֹלָמוֹת!"

רבי נתן זאגט אין א הלכה, אין הלכות תולעים[פה]: "סוד מעשה זו נעלם מכל העולמות". ווי קען דער בעל דבר שווייגן, ווי קען ער דאס שווייגן?! ברוך השם, עס איז דא אזעלכע אוצרות, מען רעדט אזא מעשה - אַה! וואס עס ליגט אין דער מעשה! עס איז דאך א געוואלד, אזא מין התחזקות ליגט דאך דא! ער איז אזא מין בעל כח וואס אפילו ער (- הבעל דבר) קען אריינשיסן אלע ערליי פיילן און אלע מיני סמים - קען ער (- הצדיק) ארויסציען די פיילן, ער קען איר אויסהיילן!

דאס איז נישט קיין זאך וואס ער היילט אויס (בפעם אחת), דאס איז א זאך וואס מען דארף כסדר האלטן אין איין היילן, ווארום ארויסשלעפן די פיילן דאס איז נישט קיין קלייניקייט - דערווייל וואס מען שלעפט ארויס די פיילן שיסט ער דאך נאך פיילן, ער שיסט דאך, עס גייט נאך א פייל, נאך א סם.

אז מען כאפט א שלעכטן קוק, דאס איז א פייל, מיט א סם, דאס איז פארשמירט מיט סמים, דאס איז נישט קיין קלייניקייט. צו א שלעכטער טראכט, צו א שלעכטער ווארט מיטן מויל וואס מען רעדט ארויס. דארף מען האבן א זכיה אז מען זאל וויסן אז דאס איז א פייל מיט סמים.

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה פון אלול[פו]: "אם יזכה שירגיש באמת כאב חטאיו" - מען דארף זוכה זיין מען זאל טאקע פילן דעם 'כאב חטאיו', פילן אז א קוק איז מזיק, א טראכט איז מזיק, מען דארף צו דעם האבן א זכיה.

(לכאורה) וואלט דאך דער רבי געדארפט זאגן, 'אם יזכה ער זאל פאררעכטן דעם כאב חטאיו'? נאר דאס איז שוין ממילא אזוי, אויב ער וועט פילן דעם כאב וועט ער

---

[פה] אות ב': "וְסוֹד מַעֲשֶׂה זוֹ נֶעְלָם מִכָּל הָעוֹלָמוֹת, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן יֵשׁ לָנוּ רְשׁוּת לְכָל אֶחָד וְאֶחָד לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ בָּהּ אֵיזֶה רְמָזִים מַה שֶּׁנּוּכַל לִמְצֹא כַּאֲשֶׁר הֵבַנְתִּי מִדְּבָרָיו הַנַּ"ל".

[פו] ליקוטי מוהר"ן סי' קמ"א.

שוין נישט שוויגן; אז ער איז קראנק, וויל ער זיך ראטעווען, ער לויפט, ער וויל זיך ראטעווען.

דא (אין דער מעשה) רעדט מען דאך פון צדקה, פון 'מעשר'. דאס איז אבער אלץ גערעדט געווארן ביי דעם וואס איז א גאנצער מענטש (אזי מעשר די לו), אבער דער וואס ער ווייסט אז ער וויל זיך אויסלייזן מיט צדקה, "וַחֲטָאָךְ בִּצְדָקָה פְּרֻק"[פז], אויף דעם פלעגן אונזערע לייט געבן אמאל א משל: א קראנקער מענטש וואס ער דארף האבן א ניתוח און דער פראפעסאר וויל ביי אים צען טויזנט פונט (און ער זאגט:) 'ניין, איך גיב נאר מעשר - די מעשר מיינע איז הונדערט פונט, איך קען נישט מער!' - וועט ער אים אויסלאכן - 'דו דארפסט דאך האבן א ניתוח וואס קאסט צען טויזנט פונט, זאגסטו 'איך גיב נאר מעשר - איך גיב נישט מער'!?...'

דאס איז פונקט אזוי ווי איינער וואס וויל זיך ראטעווען, "וחטאך בצדקה פרוק", ער וויל זיך אויסלייזן מיט צדקה - וועט ער דען זאגן איך גיב נאר מעשר? דער ניתוח דארף דאך קאסטן צען טויזנט פונט! (ר' נחמן: "וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ!"[פח]) אוודאי!

דאס איז אלץ גערעדט געווארן אז דער אויבערשטער האט רחמנות אז מען פילט דעם כאב, מען פילט דעם כאב, מען דארף אויף דעם האבן א זכיה.

❖

## ווער זענען די שלענג?

אין דער תורה פון "במה הארכת ימים" - א קליין תורה'לע[פט], ברענגט דער רבי דארט דעם זוהר[צ]: "לָא תִשְׁכַּח יוֹם דְּלֵית בֵּיהּ טוֹב" - עס איז נישטא קיין טאג וואס עס זאל נישט זיין אין אים קיין טוב. "וְכָל יוֹמָא אִית לֵיהּ גָּדֵר מִלְּבַר, דְּלָא יֵיעוּל כָּל

---

[פז] דניאל ד, כד.

[פח] איוב ב, ד.

[פט] ליקוטי מוהר"ן סי' פ"ד.

[צ] זוהר נשא קכ"ג.

**כַּר נָשׁ לְהַהוּא טוֹב. וְאִית נְטִירִין אַחֲרָנִין, כְּגוֹן נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים וּשְׂרָפִים, וְנַטְרִין הַהוּא טוֹב, דְּלָא יֵיעוּל תַּמָּן דְּלָאו אִיהוּ רָאוּי לְמֵיעַל"** - עס זאלן נישט אריינגיין אין דעם טוב אריין (די וואס זענען נישט ראוי) - די נחשים ועקרבים גייען ארום און ארום און לאזן נישט אריין אין דעם טוב פון דעם טאג.

פלעגן זאגן אונזערע לייט[צא]: וואספארא נחשים ועקרבים מיינט מען דארט? וואספארא נחשים ועקרבים איז דא? דאס איז די תאוות, עס איז דא תאוות רעות וואס איז מלובש גאר מיט א זיסקייט, מיט א געשמאקייט, אט דאס זענען די נחשים ועקרבים וואס לאזן נישט אריין אין דעם טוב פון דעם טאג...

ביי די צדיקים און ערליכע אידן איז דאס ממש אזוי ווי אַן עקדים, אזוי ווי אַן עקרב, ער איז דאך א ממית. נו, אז מען האט שוין די זכיה צו פילן אז דאס איז נחשים ועקרבים, איז שוין עפעס אנדערש.

אין תורה ז' ברענגט דער רבי דעם 'רבה בר בר חנה'[צב]: **"תָּא אַחֲוֵי לָךְ טוּרָא דְּסִינַי. אֲזַלִי וַחֲזָאִי דְּהַדְרָן לֵהּ עַקְרַבֵּי"** - ארום און ארום דעם הר סיני שטייען עקרבים, נחשים. די תורה הקדושה איז די עצות דקדושה, און ארום איז די עצַת הנחש; 'דהדרן ליה עקרבא' מיינט מען, 'עצת הנחש'.

מען האט אונז צוגעגרייט ברוך השם אזא גרויסן רבי'ן, אזעלכע גוטע עצות, זאלן מיר נישט זיין קיין שלימזל'ניקעס, נאר נעמען און נוצן דערמיט, נוצט דערמיט!

**"הערט אויף זיין ארעמעלייט, הויבט אָן נוצן מיט אייערע אוצרות!"**

איר האט אוצרות, נוצט דערמיט.

---

[צא] עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ה, ל"ה: "עִקַּר הַתְּפִלָּה צָרִיךְ שֶׁתִּהְיֶה שֶׁיִּנָּצֵל מִכַּמָּה וְכַמָּה נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים הַסּוֹבְבִים אוֹתוֹ בְּכָל יוֹם וְרוֹצִים לְמָנְעוֹ מֵהַטּוֹב הַגָּנוּז בְּכָל יוֹם שֶׁהוּא טוֹב אֲמִתִּי בְּגַשְׁמִיּוּת וְרוּחָנִיּוּת, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּנָּצֵל **מִמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים וְרַעְיוֹנִים מְבֻלְבָּלִים שֶׁהֵם עִקַּר בְּחִינַת נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים הַנּוֹשְׁכִים אוֹתוֹ בְּכָל עֵת וְרוֹצִים לְכַלּוֹתוֹ לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם**, לוּלֵי ה' שֶׁעוֹמֵד בְּעֶזְרוֹ".

[צב] עיין שם אות ה'.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**תודה מיוחדת**
למוהר"ר **ישראל נחמן**
**שימאנאוויטש** הי"ו
קרית יואל
שטרח הרבה בהעתקת השיעור

הרב **אלי'**
**פדווא** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

מוהר"ר **חיים**
**שפיטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוהר"ר **שלמה זלמן**
**שפיטץ** הי"ו
מאנסי
לרגל הכנסת בנו כמר **חיים**
לעותומ"צ
למזל טוב

מוהר"ר **ישראל אהרן**
**כ"ץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח
**שלמה זלמן** במוה"ר **דוב בער**
**מרגלית** – ק"י, למזל טוב

מוהר"ר **יואל אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו החתן **מרדכי**
עב"ג מוה"ר **יחיאל דוב**
**וויינשטאק** – קרית טאהש
למזל טוב

מוהר"ר **שלמה יעקב**
**וואלדמאן** הי"ו
מאנסי
במוה"ר **משה** הי"ו
חתן מוה"ר **ראובן וייס** הי"ו
לרגל הולדת הבת, למזל טוב

לעילוי נשמת האה"ח
מרת **שרה רבקה** ע"ה
ב"ר **אפרים** הי"ו
נלב"ע ח' ניסן תשע"ז
ת.נ.צ.ב.ה

**בקשו רחמים**
לרפואת **אלטר נפתלי בן**
**ציון בן מינדל**
**לרפו"ש בקרוב בתושח"י**

לעילוי נשמת מרת **פיגא**
**רבקה** ב"ר **חיים צבי**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה**
**שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה